# בית יעקב
## חודש זשורנאל

ארגאן פאר די אינטערעסען פון בית-יעקב-שולען און ארגאניזאציעס בנות-אגודת-ישראל אין פוילען

רעדאקטאר: א. ג. פרידענזאן

נומער 55 — שבועות-אויסגאבע תר״ץ — 7 יאהרגאנג


## בית־יעקב־זשורנאל
### אויף דער חנוכת־הבית פייערונג פון
## „ישיבת חכמי לובלין"

צו דער גראנדיעזער חנוכת־הבית־פייערונג פון דער וועלט־ישיבה אין לובלין, וואס קומט פאר אין היינטיגען חודש סיון גרייט זיך אונזער רעדאקציע זעהר ריהרעוודיג. דער קומענדיגער נומער בית־יעקב־זשורנאל (56), וואס וועט ערשיינען באלד נאך דער היסטארישער חגיגה, וועט ברענגען פון אונזערע חשוב׳ע מיטארבייטער בעשרייבונגען, פון די פייערליכקייטען, אין דעם היסטארישען לובלין, בעת דער ערעפנונג פונם נייעם תורה־היכל פאר דעם יודישען פאלק.

א בעזונדער גרויס ארט וועט אפגעבען דער קומענדיגער נומער בית־יעקב פאר דער גרויסער פייערונג אין בילד. מיר וועלען געבען פיל פאטאגראפישע אויפנאהמען פון דער פייערונג. בכלל פון דעם בנין, די אינערליכע איינריכטונגען, ווי אויך פון דעם בית־המקדש און מיניאטור, וואס געפינט זיך אין דער ישיבה.

בית־יעקב־זשורנאל, וואס האט נאך פון דער גרונדשטיין־פייערונג געגעבען אין בילד און אין ווארט, אלץ און אלעס, וועט אויך איצט גארנישט קארגען, בכדי די חשוב׳ע לייענערינס און לייענער אויף אגאר צופרידענשטעלענדען אופן, צו בעקענען מיט׳ן גרויסען היסטארישען געשעהעניש אין דער יודישער וועלט.

## אלע אבאנענטען

וואס זייער אבאנענט ענדיגט זיך מיט׳ן היינטיגען סיון־נומער, דארפען געדענקען אז אויב ביז׳ן 15 סיון זיי וועלען נישט בענייען דעם אבאנאמענט אויפן קווארטאל תמוז.אלול

וועלען זיי נישט [illegible]

## פראפאגאנדע־ביבליאטעק פאר בית־יעקב און בנות אג״י.

די שטארקסטע פראפאגאנדע פאר׳ן בית־יעקב־געדאנק, איז דאס פערשפרייטען ביי אלע יודישע עלטערן די נייע בראשור

„וואס דארף זיין מיט דער יודישער טאכטער?"

(א רוף צו יודישע טאטע־מאמע צו ערציהען זייערע טעכטער אין די בית־יעקב־שולען).

פון שרה שענירער. מיט אפארוווארט פון א. ג. פרידענזאן.

אלע שול־פערוואלטונגען דארפען אין זייער אייגענעם אינטערעס קויפען לכל־הפחות אזא צאהל בראשורען, וויפיל קינדער עס לערנען אין זייער „בית־יעקב" און די זעלבע פונאנדערשיקען צו יעדער טאטע־מאמע. — שטעט וואס ווילען ערשט גרינדען נייע בית־יעקב־שולען איז פאר זיי די דאזיגע בראשור גאר א וויכטיג און ביליג פראפאגיר־מיטעל.

— 100 עקז. קאסטען בלויז 10 זל.—50 עקז. 6 זל. —

—10 פראצענט פונם בעטראג געהט צו פאר פארטא—

אויף בעשטעלונגען אהן געלט ווערט אבסאלוט נישט געענטפערט. ווייניגער ווי 7 בראשורען פאר 1 זלאטע ווערט נישט געשיקט. געלט־שיקען פ. ק. א. 65.613.

דעם קומענדיגען הודש ערשיינט א וויכטיגע פראפאגאנדע־בראשור פון הרה״ג רמ״ח לויא שליט״א (געוו. שאצער רב) וועגען בנות־אגודת־ישראל.

## פערלאג „בית־יעקב־זשורנאל" לאדז

יעדער דארף זיך גיך פערשאפען דאס נייע ספר אין יודיש

## „פרקי אבות"

איבערגעזעצט מיט א ארייגפיהר פון

### א. מ. ראגאווי

52 זייטען טאשען פארמאט — פראכט־אויסגאבע!

דאס קלאסישע ווערק, וועלכעס איז דער הויפט־יסוד פון דער הויכער יודישער עטיק איז דורכ׳ן בעקאנטען שריפטשטעלער א. מ. ראגאווי מייכטערהאפט איבערגעגאסען אין א מאדערנעם זאפטיגען יודיש.

אפילו פאר דעם וואס פערשטעהט דעם לשון־הקודשדיגען טייטש און דעם מיין פון די משנה־פרקים, איז די נייע יודישע פרק־איבערזעצונג א גרויס גייסטיג פערגעניגען צו לייענען דערין. יעדער געדאנק און יעדער שפרוך פון פרק, איז פריש בעלעבט מיט׳ן לחלוחית פון דעם יודיש־לשון, וואס ה׳ ראגאווי האט דערין אריינגעגעבען.

— פרייז 1 זל. א עקז. — 10 עקז. נאר 7.50 זל. —

עס איז אויך נאך צו בעקומען די ניי־ערשינענע איבערזעצונג פון „מגלת רות" אין יודיש, מיט א איינלייטונג און ערקלערונגען

פון שמואל נאדלער

— פרייז נאר 50 גר. 10 עקז. 4 זל. —

אהן געלט ווערט נישט געשיקט. געלט שיקען פ. ק. א. 65.613

הארכיון היהודי

# ווער רופט זיך אָפּ אויף פאַר'ן יובל־פאָנד

# פון דער בית־יעקב־ליטעראַטור?

## ערשטע רשימה

די שעפערין פון בית־יעקב געדאַנק פרוי שרה שענירער שפענדעט 20 זל.

די וואָס וועלען אָפּענטפערן דער ג. פרוי שענירער וועלען מיר פערעפענטליכען אין קומענדיגען נומער.

די לאָדזער בית־יעקב־פערוואַלטונג שפענדעט 25 זל. (ערשטע ראטע) און רופט אַרויס אַלע שול־פערוואַלטונגען נאָכצוטוהן זייער ביישפּיל.

פרל. אסתר ראָזא (בענדין) 5 זל. און רופט אַרויס פר. שלעזינגער צ. פר. רינסקא ג. פר. פרידריך (אַלע פון בענדין) לעהרערין עלענבערג (סאָסנאָוויץ) רבקה האַבערמאַן (זאַווירטשע).

פרל. טויבע הענענבערג (כזשאַנאָוו) 10 זל. פרל. דאַן (אָסטראָוו־מאַזאָוו.) 5 זל. און רופט אַרויס די לעהרערינס און בנות־חברות פון פּולטוסק, ווישקאָוו, מאַקאָוו, מלאווע, טשעכאַנאָוו, נאַשעלסק און פראַשניץ.

ה' מאָרגענשטערן (וויערזשבניק) 5 זל. און רופט אַרויס די ה"ה: שלמה נייבערג (שידלאָוויעץ) א. ל. געליבטער (ראַדאָם) א. י. פייטלאָוויטש (קינצק), נטע קאָרנוואַסער, האַבינאָוויטש (וויערזשבניק), ה' פרענקעל (בעלכאַטאָוו) 10 זל.

פר. טעמא גליגער (מישיניעץ) 5 זל. הרבנית חי' אַלטער (גער) 5 זל. לעהרערין שרה בוים (פּשעדבאָזש) 5 זל. שמעון פערגאַל (באָריסקאָוויטש) 5 זל. מ. בלומענטאַל (חעלמזשא) 10 זל.

פרל. הירשבערג (לאַגאָוו) 5 זל. רחל אַנקעלעוויטש (ראַדאָם) געזאַמעלט—10 זל. לעהרערין גליקסבערג (בלאַשקי) 5 זל. ברכה בערלאָווּנא (קאָלאָטשיץ) 5 זל. חוה רחל וויינגאָט 5 זל. בלומא נוסבוים 4 זל. פעריל שיליט—3 זל. מלכה קריגער — 3 זל. (אַלע פון זד. וואָלא) לעהרערין זינגער (יאַנאָוו־לוב.) 5 זל. לעהרערין קאַליסקא (טאָמאַשאָוו) 5 זל. לעהרערין וואָלנאָוויטש (וויערזבניק) 5 זל. לעהרערינס ראָזאַ און פרידמאַן (וואַרשא) צו 3 זל. געזאַמעלט דורך חנה יענטעס, שרה שאַץ און גאָלדא יענטעס (דרוזשקאָפּאָל) 6 זל. אַבמור (אָסטראָוו־מאַזאָוו.) 5 זל. „בנות" (סטאַראַ סול) 5 זל. פרל. שאַלדאיעווסקא (לאָדז) 5 זל. ה' קילבערט (פלאָצק) 3 זל. לעהרערין קאַמינער (ניי־שטאָט), מרדכי שאַליט (זשעלעכאָוו) חי' העלער (טאָמאַשאָוו) פייגא קראַסוצקא (וואַרשא) לעהרערין אייכענבוים (קראַשניק) שרה שאַץ (פּשעמישלא) גאָלדא לאַטטע (סלופּצא) אסתר בראַווער (ראַדאָם) די אַלע צו 3 זל. רחל שטייער (בעלכאַטאָוו) 5 זל. ב"י שילערינס (לושקאָוויץ) 8 זל.—די נעמען פון די, וואָס וועלען שיקען ווייטערע שפענדען, וועלען זיין געדרוקט אין דער צווייטער רשימה פון קומענדיגען נומער.

ס"ה 130. זל.

## אַכטונג!

ווייטערע שפענדען פאַר'ן יובל־פאָנד דאַרפען צוגעשיקט ווערען דורך פּ. ק. אָ. 65.613. יעדער שפענדער וועט בעקומען צוגעשיקט די אָנדענק־קאַרטע פון דער בית־יעקב־בעוועגונג. אַרויסרופען אַנדערע צו שפענדען קענען נאָר די וואָס שיקען אַמווייניגסטען 5 זל. אָדער דער וואָס זאַמעלט אַמווייניגסטען 10 זל. די נעמען פון אַ"ע, וואָס וועלען שפענדען, וועלען אויך זיין פערעפענטליכט אין דעם ערשטען אָרטאָדאָקסישען אַלמאַנאַך.

# צום דריטען קוואַרטאַל פון יאָהר תר"ץ

נאָך מיט'ן פריהערדיגען נומער „בית יעקב" איז געוואָרען צוואַנציג חדשים זינט דער זשורנאַל האָט נישט פערפעהלט אפילו איין חודש ארויסצוגעהן, דאַרפען אונזערע לעזער און פריינד וויסען ווי אזוי דאָס אָפּצושאַצען.

יעדער איינער, וואָס איז אַביסעל בעהאַוונט אין דעם ענין פון ארויסגעבען פעריאָדישע אויסגאַבען, ווייס, אַז גראָד אַ חודש אויסגאַבע איז פיל שווערער צו דערהאַלטען ווי אַ וועכענטליכע אָדער טעגליכע ציישונג, ווייל ביי די לעצטע איז ממה־נפשך, יאָ, צי ניין. אַ וואָכענבלאַט, אויב עס ערשיינט נישט יעדע וואָך איז עס במילא נישט קיין וואָכענבלאַט, און אַ טאָגבלאַט אויב עס גייט נישט אַרויס יעדען טאָג הערט עס אויף צו זיין אַ טאָגציישונג... אַנדערש, גאָר אַנדערש איז עס ביי אַ חודש־אויסגאַבע, עס קאָן הייסען אַ חודש־בלאַט, אָבער הפסקות, זענען כמעט אוממעגליך. עס זענען פערהאַן פיל סבות, וואָס דערפיהרען דערצו און בכדי די דאָזיגע סבות אויפצוקלערען וואָלט מען בעדאַרפען זעהר ברייט ארומשמועסען.

אַ פאַקט איז נאָר: נישטאָ ביים היינטיגען טאָג ממש קיין איינציגע חודש־אויסגאַבע (אפילו נישט קיין אָרטאָדאָקסישע) וואָס זאָל קאָנען אפילו אזא קליינע צייט ווי צוואַנציג חדשים אָנווייזען אַז זי איז ערשינען חודש'ליך רעגולער!!!

מיר ווילען אָבער נאָך געהן אַ טריט ווייטער: מיט'ן היינטיגען נומער זאָל דער בית־יעקב־זשורנאַל טאַקי שוין אָנהויבען ערשייגען שטרענג פּינקטליך אויף יעדען ראש־חודש. דאָס איז נישט בלויז אונזערס אַ פרומער וואונש, נאָר מיר שטעלען אונזערע אַלע כחות אין דינסט פון דער שטרעבונג, און דאָס זאָל טאַקי זיין, אַ הכנה אויף בקרוב אַרויסצוגעבען דעם בית־יעקב־זשורנאַל יעדע צוויי וואָכען.

אויף וויפיל ס'זאָל אונז אָבער נישט ניחא זיין, זענען מיר דאָך געצווינגען אָפען צו דערצעהלען, אַז דער מאַטעריעלער מצב פון אונזער זשורנאַל, האָט זיך פאַר די לעצטע חדשים פיל פערערגערט... עס איז אונז באמת זעהר, זעהר נישט אנגענעהם דאָס צו דערצעהלען. אָבער זייט וויסען: ביים ארויסגעבען פון יעדען נומער, קומט אונז אויס בייצושטעהן אַ נייעם נסיון!!!

די שולד פאַלט קודם אויף די שטעט וואו עס זענען פערהאַן ב"י שולען און אין די זעלבע האָט אונזער זשורנאַל אפילו נישט קיין צעהן אַבאָנענטען. (די צאָהל פון אזאַלכע שטעט איז גענוג גרויס...) מיר שרייבען צו זיי טאָג־איין־טאָג־אויס און זיי מאַכען זיך נישט וויסענדיג. איז דען נישטאָ אין די אַלע ערטער אַ מעגליכקייט צו אָרגאַניזירען פרעסע־קאָמיסיעס פון די עלטערע ב"י שילערינס פאַר דעם צוועק???

אַ גרויסער חייב זענען אויך די, וואָס פערפלאָנטערן זיך אין חובות. עס איז שוין די זעכסטע צייט צו פערשטעהן אַז פאַר יעדען נומער מוז באַלד בעצאָהלט ווערען. ווער גיט דאָס די רעכט אָוועקצוגעבען אָהן געלט דעם זשורנאַל? אונזער אַדמיניסטראַציע ערלויבט דאָס נישט, בשום אופן נישט! יעדער אבאָנאַמענט מוז צאָהלען פריהעראויס. דורכאויס פריהעראויס, פאַר יעדען קוואַרטאַל! דאָס ערגסטע איז שוין ווען מען בעצאָהלט פאַר יעדען נומער בעזונדער.

בעדענקט אייך דאָך חשובע פריינדינס און פריינד—שטעהט אונז צו הילף! לאָזט נישט פאַלען די אָרט. פרויען־טריבונע!

בית יעקב-לודז/גליון/שנה ז/גליון 055 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

ב"ה לאָדז,
סיון תר"ץ.
זיבעטער יאָהרגאַנג

№ 55

Łódź,
Czerwiec 1930
Rok VII

בית יעקב
חודש זשורנאַל

אָרגאַן פאַר אינטערעסען פון בית יעקב שולען און אָרגאַניזאַציעס בנות אגודת ישראל אין פּוילען

בית יעקב לכו ונלכה באור ד'
(ישעי')

אשה יראת ד' היא תתהלל
(משלי)

# העלף דעם היינט און דעם מאָרגען!

## פון פּראָפעסאָר ד"ר שלמה בירנבוים*)

דאָס בית יעקב-זשורנאַל פאָדערט פון מיר אַ מאמר וועגן יידיש. און ס-איז זייער גירעכט, וואָס סי וויל דעם עולם עפּעס לאָזן הערן וועגן דעם דאָזיקן עינין. וואָרן דאָס איז היינט פון די גאָר וויכטיקע זאַכן, וואָס דער קיום פון יידישן פאָלק גיוועגט זעך אין זיי.

פריער האָט די ווייבערשי העלפט פון פאָלק אויך אַרומגינומין די העלפט גיטרייישאַפט צום יהדות. היינט איז דאָס ניט אַזוי. ס-איז ערגער גיוואָרן, אַ סך ערגער. מי דאַרף וועגן דעם ניט מאַריך זיין, אַלי וויסן דאָס און ס-איז אין די לעצטי צייטן גינוג וועגן דעם גיזאָגט און גישריבען גיוואָרן. אויך וועגן דער סיבה פון דער דאָזיקער ירידה. און אַז די מענער מעגן זעך אויך קלאַפּן על חטא דערויף.

היינט, אַז סי הייבט שוין ב"ה אָן צו שפּראָצן די התחלה פון אַ תיקון, איז אָבער שוין זייער אַ סך קאַליי גיוואָרן, און דאָס איז גיזאָגט אַפילו אַקעגן די, וואָס האָבן זעך איבערגיגעבן דעם רעיון פון אומקערן זעך צום אַלטן וועג. וואָרן ניט אומזיסט האָבן דערווייל שוין גיאַרביט פרעמדע השפּעות און האַלטן נאָך אין אַרביטן: די אַלטי השכלה [illegible] אויף פאַרשידיני וועגן און אין נייאי פאָרימס קריכט זי אין די נשמות, און די ניט יידישע שקאָליס זענען אַוודאי ניט קיין גוטע רפואה צו דער דאָזיקער מכה.

און אַזוי האָט זיך גימאַכט, אַז ביי אַ סך פון אונדזערי מיידלעך היינט האָט יידיש ניט קיין גרויסן חן, אַלץ איינס צי די אָפּגעשטאַניני פאַרשימלטי טענות אַנטקעגן*) יידיש זענין דערגאַנגין צו זיי צי ניט. אויב יאָ קענין די טענות ניט פועלן קיין סך. ס-איז באַוואוסט, אַז מי לאַכט זעך שוין לאַנג אויס פון זיי.

אַז יידיש איז ניט קיין לשון — ווער דערוועגט זעך נאָך היינט צו זאָגן אַזאַ שטות? אַ חדר-ייִנגל וואָלט אַזוינים גיקענט ענפערן, אַז אַ זאַך, וואָס מי ניצט אויף איבערגעבן מחשבות און גיפילין, און וואָס יענער, וואָס מי רעט צו-אים, פאַרשטייט דעם מיין הייסט אַ לשון. און אויב זיין שכל העלפט אים ניט דאָס צוקייאין, מוז ער נעבעך פאָרט שטומין, אַז הן וויסנשאַפט הן פראַקטיק זאָגן פונקט פאַרקערט ווי ער: אַפילו גויאישי פּראָפעסאָרן פאַרנעמין זעך גישמאַק מיט יידיש און אין דער פּאָליטיק איז יידיש אַ גאַנצי זאַך. — ווער וועט היינט נאָך ניצן דעם מיאוסן נאָמין „זשאַרגאָן", סיידין אַן-אַסימילאַנט מכל המינים? אַן-ערנצטער מענטש אַוודאי ניט.

אַז יידיש איז ניט קיין יידיש לשון — ווער דערוועגט זעך היינט נאָך צו זאָגן אַזאַ נאַרישקייט? אַפילו אַסימילאַנטן מכל המינים — אויך אַזויני, וואָס רופן זעך נאַציאָנאַליסטן בתוכם — שווייגן שוין היינט דערפון. אייביק קען מען דאָך ניט סותר זיין פאַקטן מיט ווערטער און פרואוון אָפּצופרעגן דעם אמת מיט פוסטי רייד, און אָפּלייקינין דעם פאַקט, אַז יידיש איז אַ יידיש לשון, צווישן אַנדערי יידישע לשונות, נאָר דאָס גרעסטי און שטאַרקסטי און יידישסטי צווישן זיי.

אַז יידיש ווערט ניט גירעט פון קיין אַנדער פאָלק — ווער דערוועגט זעך נאָך צו זאָגן אַזאַ טיפּשות? וואָלט אים דען ניט איטלעכער גיענטפערט: „טאַקי אַזוי, ס-איז אַ יידיש לשון, ניט קיין גויאיש. וואָס איז דאָס עפּיס פאַר אַ קשיא, וואָס פאַר אַ חסרון? וואו שטייט ערגיץ גישריבן, אַז פונקט יידן מוזן רעדן דאָס לשון פון אַן-אַנדער פאָלק?".

אַז יידיש איז ניט קיין קולטור-לשון — ווער וועט זעך היינט נאָך דערוועגן צו זאָגן אַזאַ חוזק? דער קלענצטער קענער פון דער וועלט און איר היסטאָריי וואָלט אים דאָך אָפּגישלאָגן זיין טענה, און וואָלט אים אָנגייויזן, אַז אַ לשון פון אַזאַן-אַלט קולטור-פאָלק, ווי יידן מוז ממילא זיין אַ קולטור-לשון, אַז דער בעל-שם און דער ווילנער גאון זענין דאָך חלילה ניט גיוועז קיין פּראָ-אָדמס!

אַז יידיש איז ניט שיין — ווער וועט זעך דערוועגען, צו קומין מיט אַזאַן-אומגעלומפּערטער טענה? מי וואָלט אים דאָך גיגעבן צו פאַרשטיין, אַז ביי איינים איז שיין די זאַך און ביים אַנדערן ווידער יעני זאַך, און אַז אַ לשון מעג גיפעלין, וועמין ס-גלוסט זעך. ס-רוב מענטשין האַלטן, אַז זייער אייגן לשון איז שיין, און טאַקי ס-רוב יידן האַלטן אויך אַזוי. כ-קען אַפילו גויים און אַפילו קינסטלער צווישען זיי, וואָס זאָגן, אַז יידיש איז זייער שיין, אַ זיס לשון.

אַז יידיש האָט ניט קיין גראַמאַטיק — ווער וועט זעך היינט נאָך דערוועגן אַרויסצווייזיין אַזאַ קלאָגידיק עם-ארצות, און צו זאָגן אַזוינס? אַ קינד וועט אים דאָך ענפערן, אַז אַ לשון מוז האָבן אַ גראַמאַטיק, די השגה פון „לשון" איז דאָך דאָס מחייב. „דאָס קינד, דעם קינדס, דעם קינד, דאָס קינד" — דאָס הייסט גראַמאַטיק. „כ-העלף, דו העלפסט, ער העלפט, מיר העלפן, איר העלפט, זיי העלפן, העלפנדיק, גיהאָלפן" — דאָס הייסט גראַמאַטיק. „טאָג—טעג, מענטש—מענטשן, פנים—פנימער, סוד—סודות, ראַק—ראַקיס" — דאָס הייסט גראַמאַטיק. אַ קינד וואָלט אים ווייטער גיגעבן צו פאַרשטיין, אַז אָן כללים וואָלט פשוט גיוועזן אוממעגלעך צו רעדן, אַז מי קען דאָך ניט זאָגן: „ער האָט צוגערופן דעם קינדס", נאָר מי מוז זאָגן: „ער האָט צוגערופן דאָס קינד", ניט: „כ-האָב גיהעלפט", נאָר „כ'האָב גיהאָלפן", ניט „טאָגיס", נאָר „טעג", ניט: „אים ער אַ בריוו גישריבן האָט", נאָר „ער האָט איהם גישריבן אַ בריוו". אַ זינדיקער וועט אַזויני זאַכן גאָר ניט אַרויסברענגין איבער דער צונג, און אַז עמיצער

*) אויפ'ן פערלאַנג פון מחבר בייטן מיר נישט דעם אויסלייג.

בית יעקב-לודז/גליון/שנה ז/גליון 055 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

וועט זיי רעדן אַזוי, וועט מען אים ניט פאַרשטיין. ביי קליינע שינויים פונים נאָרמאַלן שטייגער וועט מען זאָגן, יענער האָט זיך טועה גיוועזן אָדער גימאַכט אַ גרייז.

אַ כּלל, די אַלי טענות וועט מען הייגט, דאַכט זיך, שוין ניט הערן. נאָר דאָס איז וויי ניק. מי דאַרף האָבן פּאָזיטיווי אַרביט פאַר יידיש. וואָרן מיט יידיש האַלט אַצינד ניט אַזוי גוט ווי אַמאָליקע צייטן. מיר זען בחוש, ווי אויף יידיש האָט זעך אָנגערוקט אַ גרויסי סכּנה. און זאָל מין ניט מייגין, אַז דאָס איז אַ סכּנה נאָר פאַרן לשון אַליין. ניין, ווער סי טראַכט נאָר אַ ביסעל אַריין אין דעם עינין, דער פאַרשטייט, אַז די סכּנה איז שייך צום גאַנצן יידישקייט און צום גאַנצן יידישן פאָלק, מער ניט, ביים לשון ווייזט זיך דאָס בולט אַרויס. די אַסימילאַציע קריכט אַריין צונויף אונדז דורך לעכער און רייסט זעך אַריין צו-אונדז דורך טיר און טויער. זי קומט גלייך פון דער ניט-יידישער סביבה און אונטערוויילעכץ פון יעני טיילן פון יידישן פאָלק, וואָס האָבן אַראָפּגעוואָרפן פון זעך דאָס עול תּורה און דאָס עול מצוות. דאַרף מין דעריבער זען, מילחמה צו האַלטן מיט אַלע כּוחות, ניצן דערצו אַלי מיטלין, און איינס פון די גוטי מיטלין איז יידיש. כאָטש דאָס לשון גופא דאַרף גאָר ניט זיין דער העכסטער אידעאַל, מעג מין דאָס אָבער האַלטן בכּבוד, אַזוי ווי אַלדינגס, וואָס דער רבונו של-עילם האָט גיגעבן און נאָך דערצו, וואו מ-האָט אַ חלק אינים באַשאַפונג.

מי טאָר ניט דערלאָזן, אַז יידיש זאָל אַרויסגעשטופּט ווערן פון יידישן מויל, און מי זאָל דורך דעם פאַרלירן אַזאַ גוטי הילף אַנטקעגן אַסימילאַציע. קען זעך דען דאָס יידישי פאָלק פאַרגינין נאָך אַזאַ ירידה, ווי ס'איז ביי אונזערי ברידער אין מערב? און מי טאָר נישט דערלאָזן, אַז די לינקי זאָלן צונעמין אונדזער לשון און מאַכן דערפון אַ גיצייג פאַר אַפּיקורסות. פון אונדזער לשון, וואָס דאָס יהדות האָט עס גימאַכט אויסוואַקסן, וואָס זינט הונדערטער און הונדערטער יאָרן האָבן גאונים און צדיקים דאָס באַשאַפן, וואָס אַלי גדולים הייגט רעדן עס, וואָס מי לערנט דערפּיט חומש און גמרא, וואָס מי גיסט דערמיט אויס דאָס האַרץ אין תּחינות.

ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך, מיר זאָלן זעך ניט האַלטן ביי דער ירושה פון די גאונים און צדיקים? דאָס לשון, וואָס מי רעט, גייט דאָך אַריין אין דעם כּלל פון מינהג. און „מינהג אַבותינו תּורה היא", זאָגט תּוספות אין ערכין, וואָס דאָס ווערטל גיט דאָס איבער: מינהג ישראל תּורה". זענין מיר דאָך מחויב ניט אָפּצוטרעטן פון זייער וועג און אויפצוהאַלטן און אָפּצוהיטן יידיש.

אַז די לינקי ווילן אַצינד איבערגיסן, איבערפאָרימין יידיש אויף אַ וועלטליך לשון, מעגן מיר שטייאין מיט פאַרלייגטי הענט? אמת, מיר קענען זיי ניט שטערן אין זייער רשות, אָבער מיר טאָרן זיי ניט אַריינלאָזן אין אונדזער רשות. מיר דאַרפן זען, אַז אונדזער יידיש זאָל ווייטער בלייבן יידישלעך, און מיר דאַרפן מתקן זיין די קילקולים, וואָס האָבן זעך שוין גימאַכט.

און פונקט אַזוי איז מיט לשון-קודש. מיר דארפן זען, אַז דאָס העברעאיש פון די לינקי זאָל ניט העלפן אַריינצוברענגען זייער פסיכאָלאָגיי אין אונדזער מחנה. אונדזער לשון-קודש דאַרף בלייבן דאָס אַלטי יידישי לשון, ס-טאָר נישט ווערן דערפון זייער ניי-העברעאיש.

ווער נאָך באַדאַרף אַזוי קלאָר צו זיין אין די אַלע עינינים, ווי די מוטערס פון קומינדיקן דור? זיי וועלן דאָך זיין די ערשטע, וואָס וועלן פירן דאָס דאָזיקע דור אויפן יידישן וועג. פון זייער מויל וועלן דאָך די קינדער הערן די ערשטע ווערטער און שפּעטער אַ ביסל דאָס ערשטי לערינונג אין ג–טס וועלט. פאַלט אויס אויף זיי דער הייליקער חוב, זייערע קינדער ווייטער איבער ענפערן די ירושה פ ן זייערע אָבות, אָבער ניט קיין פרעמד לשון אָדער פרעמדי השפּעות. אויב זיי וועלן פאַרשטיין דאָס רעליגיעזי, קולטורעלי און פעדאַגאָגישי חשיבות פון יידיש, וועלן זיי אַוודאי האַלטן בכּבוד זייער לשון, אויסלערינין זעך, ווי אַזוי מי דאַרף זעך באַגיין דערמיט, אַכטונג געבן, זיי זאָלן עס ניט פאַרדייטשמערן, פאַרפּוילישן, פאַריידישיסטישן. דורך דעם וועלן זיי העלפן אָפּצוהיטן פון אַסימילאַציע זעך אַליין און דאָס נייע דור און וועלן זייער שטאַרק העלפן דעם יידישן פאָלק אין זיין גרויסן וועג אין דער וועלט.

# פאַרוואָס לייענט מען רות אום שבועות?

## פון שרה שעבירער

יאָהר-יעהרליך אין דעם אַזוי געליבטען יום טוב שבועות, ווען מיר שטעלען זיך פאָר אונזערע עלטערן ווי זיי שטעהען ביים באַרג סיני און זענען מקבּל די תּורה ביי בליצען און דונערן, וויקעלט זיך אויף פאַר אונזערע אויגען און ס'מישט זיך אַריין דאָס פשוט'ע געשטאַלט פון רות, וועמענס ביאָגראַפיע מיר לערנען אַדורך יעדען שבועות.

איז עס דען נישט וואונדערליך, וואָס גאָר אין שבועות, אינ'ם יום-טוב פון אַלע ימים-טובים, האָבען גראָד אונזערע הכמים פאַר אונז צוגעגרייט צו לייענען מגלת רות, וועלכע שטעלט פיט זיך פאָר עפּעס אַנ'אינטערעסאַנטע פאַרצייטישע מעשה?

ווען מיר וועלען זיך אָבער אַביסעל נעהנטער בעקענען מיט דעם קליינעם ספר'ל וועלען מיר דערזעהן, אַז מיר, בפּרט פרויען האָבען פון די פאָר דינגע בלעטלעך פיל, פיל זיך אָפּצולערנען.

אלימלך, אַ רייכער יודישער אַריסטאָקראַט פון בית לחם, פערלאָזט זיין פאָטערלאַנד אין דער צייט פון אַ גרויסען הונגער, ווייל ער קאָן נישט צוזעהן ווי זיינע ברידער פייניגען זיך, און אַנשטאָט זיי אַרויסצוהעלפען – אַנטלויפט ער אין אַ פרעמד לאַנד, קיין מואָב. באַלד אָבער בעקומט ער זיין עונש: ער און זיינע ביידע זוהן, מחלון וכליון שטאַרבען אַוועק יונגערהייט און נעמי בלייבט איבער אַליין אַ פעראָרימטע און אַ צעבראָכענע מיט איהרע ביידע שנורען: רות און ערפּה.

און נעמי דערוויסט זיך, אַז אין לאַנד יהודה האָט זיך דער הונגער שוין געשטילט, קאָן זי מעהר נישט איינזיצען אין מואָב, אין בעשליסט צוריק אַהיימצוגעהן.

און דריי טרויעריגע אלמנות, איין עלטערע און צוויי יונגערע לאָזען זיך געהן קיין ארץ ישראל אַנטקעגען אַ גאַנץ אומבעקאַנטער צוק נפש. נעמי'ס בענקשאַפט קיין ארץ ישראל איז זעהר גרויס און כאָטש זי ווייסט זעהר גוט, אַז קיין פערמעגענס מיט פּאַלאַצען וואַרטען דאָרט נישט אויף איהר, אַז די מענשען וועלען קוקען אויף איהר, ווי אויף אַנ'אָפּגעקומענע נגידית'טע און וועלען איהר זאָגען מוסר, אַז דערפאַר האָט זי ג–ט געשטראָפט, ווייל זי האָט זיי פערלאָזען אין אַ שלעכטער צייט. דאָך קוקט זי אויף גאָרנישט און קעהרט אום קיין ארץ ישראל.

ביי דער גרעניץ פון יהודה שפּילט זיך אָפּ אַזאַ סצענע נעמי געזעגענט זיך מיט איהרע ביידע שנורען. וועלכע האָבע זיך די גאַנצע צייט נעבען איהר געהאַלטען און זי בעגלייט ביז דאָ אַהער, און בעט זיי, אַז זיי זאָלען צוריק צו זייערע קעניגלי-

# אקדמות

אַ לויב צום בעשעפער וועל איך אָנהויבען זינגען,
מיט ערלויבעניש פון ג—ט מיין מויל וועט קלינגען.
אין ווערטער דריי און צוויי זיך הערען געזאַנג —
אַ הימן צום בעשעפער איז איצט מיין פערלאַנג.
שוואַך איז דער מענש, הילפלאָז זיין קלאַנג.
זיין מויל אין גרעניץ פון לעבען דער צוואַנג.
דער הימעל—אַ פּאַרמעט ווען ער וואָלט געווען
די בוימער פון וואַלד—אַ ריזיגע פען
און טינט—אַלע טייכען דאָס וואַסער פון ים
און שרייבער און צייכענער—אַ יעדער מאַן,
וואָס געבוירען געוואָרען איז פון ערדישען שטויב
—וואָלט מען אויך נישט בעוויזען צו פּערצייכנען דעם לויב
פון ג—ט דעם אַלמעכטיגען, וואָס געוועלטיגט אָהן סוף
אין הימעל, אויף ערד, איבער וועלטען לרוב.

בעשאַפען די וועלט האָט ער איינער אַליין
אַ לויב געזאַנג איז יעדעס גרעזעל און שטיין.
אָהן מיה און אָהן מאַטער געווען דער בעשאַף
ווי דער לייכטעסטער קלאַנג פון מענשליכער שפּראַך
זעקס טעג האָט געדויערט און אַלץ איז געשעהן;
אין זיבעטען טאָג איז שוין שבת געווען,
אַ קלאָרקייט געלויכטען האָט פון זיין שטוהל
שבת געווען איז און אַלץ אַרום שטיל.

מילאַרדען מלאכים גרייט צום געבאָט
שאַפט יעדען פריהמאָרגען דער אייביגער ג—ט.
ברענענדע גייסטער, בעפליגעלט מיט פלאַם,
אייזערנער מלאך זעקס פליגעל בעזאַם,
זיי וואַרטען און שטעהן אין שטילקייט אין שאַ,
און קומט דער ערלויב — ווערט שטילקייט פערביי.
און אַלע אינאיינעם, און אַלע בעזאַם
אַ לויב-געזאַנג זינגט מיט פייער און פלאַם
פול ווערט די ערד מיט געטליך געזאַנג
דריי-פאַכיג קדושה גיסט זיך דער קלאַנג.
אַזוי ווי פון ברויזענדען וואַסער דער פאַל,
ריזעלט פון באַרג מיט שטורעם און קנאַל
צעגיסט זיך די שטים אין מעכטיגען קנויל,
די שטום פון מלאכים, פון גייסטער דער קול.

אַ פייל פונ׳ם בויגען אין שנעלען געשאָס
צופליהען זיך גייסטער אין שליחות אַרויס.
פול איז די לויב אויף ויבעציג שפּראַך —
די לויב פון דער שכינה וואָס האָט קיין פערגלייך.
פון דורות און צייטען געהט אַ געברום, —
אַ מעכטיגער לויב פון מלאכים׳שער שטים
אויף אייביגע צייטען, אייביגע צייטען
הערליך איז ג—ט אויף ענד און אויף ווייטען!

אָ, וואויל איז דעם צדיק געאכפערט, געשעצט,
זיין הארץ איז מיט ליב׳שאַפט פערפלאַנצט און בעזעצט
און דינען צו ג—ט פריה און פאַרנאַכט
און זינגען דאָס לויב-ליד פון זיין אייביגער פּראַכט.
אָ, וואויל איז דעם צדיק, ג—ט הערט זיין געזאַנג
דאָס געזאַנג פון דער תורה, פון תפלה דעם קלאַנג.
אַ פּערל די תפלה אין הימלישער קרוין
בלאַנקט אינ׳ם ציטער פון קלאָרקייט און שיין
שפּאַרט אין די הימלען דורך בערגער און טאָל
אַ געזאַנג פון די דורות געהט-אויף אויף אַמאָל
עס הערט זיך פון יודען: הער אויס מיך ישראל"!

און דערצעהלט ער די נסים די וואונדער פון ג—ט
זיי הערליכע גרויסקייט, זיין מעכטיג געבאָט
גאַפען מלאָכים און הערען פון וועלט
און קומען צולויפען אַלע צוזאם
אַ מעכטיגע מחנה, ווי אינדען פון ים.
און פרעגען פערחידושט, פרעגען פערטראַכט:
פאַרוואָס אזא ליבשאַפט, פאַרוואָס אַזאַ פּראַכט ?
פון וואַנען דער אונרוה פון וואַנען דער טרייב
צו וואויגען אין שרעקליכער קעהל פוג׳ם לייב ?
וואָס טויג דיר דער מאַטער, וואָס טויג דיר דער פיין?
וואָס שטעהסטו בעזונדער, וואָס געהסטו אַליין ?
זיי איינער פון אונז, אַ גלייכער מיט גלייך
און שטאַרק ווערסטו זיין און מעכטיג און רייך.
— אָ, איהר פעלקער פון באַרג, שרים פון טאָל
געענטפערט צו זיי האָט דער אַלטער ישראל:
ווען איהר וואָלט געוואוסט, ווען איהר וואָלט געקאָנט
אַ טייל פון זיין פּראַכט אָהן אָנהויב, אָהן ענד,
וואָלט איהר פערבראָכען מיט צווייפעל די הענט —
געזעהן אז נישטיג, ווי שטויביג איהר זענט
אָקעגען דעם גרויסקייט, וואָס מיר איז געגרייט,
ווען קומען די גאולה, פון הילף די צייט.

בעצאָהלען די שונאים וועט ער אין דעם טאָג
אַ צאָהל-טאָג פאַר צרות, פאַר פיין, און פאַר פּלאָג,
אַ גערעכטיגקייט׳ס פעסטונג, אַנ׳אַנלעהן, אַ שטיץ
ג-ט אונז בעשירמען און זיין אונז אַ שוץ.
אַ פריידיג געזאַנג וועט שאַלען אין וועלט:
ישראל וועט ווערען צוריק אויפגעשטעלט,
דעם וואָס געווען איז געפּלאָגט און געקוועלט׳—
אין ירושלים די שטאָט, וועט זיין זיין געצעלט,
אין לויטערער קלאָרקייט, אין אָפּשיין פון פּראַכט
וועט רוהען ישראל בייטאָג און ביינאַכט.

אין ירושלים די שטאָט אַ חופּה געמאַכט,
אַ חופּה פאַר ג—ט מיט כבוד בעוואַכט.
מיט וואָלקענס גערינגעלט, געזיגעלט מיט קלאָר,
אַזוי ווי אַ חלום וועט זיין אונז דער וואָר.

אַ יעדערן צדיק אַ העל באַלדאַכין
שטהולען פון גין-גאָלד וועט זיין דאָרט דערין
געפּלאַסטערט מיט פּערל מיט איידעל געשטיין,
געשניצט מיט טאַפּאַזען, און העלפאַנד-געביין.
אינ׳ם גלאַנץ פון דער זון אינ׳ם לויטערן שיין.
און קוקען און גאַפען און זעהן די פּראַכט,
די גרויסקייט פון ג—ט זיין הערליכע מאַכט
זייער פּנים וועט שיינען אין ליכט פון דער זון —
עס האָט נישט געמאָהלען קיין צענטעל דערפון
קיין נביא, קיין חוזה, קיין מענשליכער זוהן
די שיינקייט, דאָס גליק, די הימלישע פרייד,
וואָס איז אין גן-עדן פאַר׳ן צדיק געגרייט.
שכינה אין שיין פון לויטערן גלאַנץ
וועט געהן מיט׳ן צדיק אַ חדוה׳דיג טאַנץ.
און פּלעכטען פון גוטסקייט, פון ליבע אַ קראַנץ
אַ קראַנץ פאַר׳ן צדיק וואָס געהן וועט אין טאַנץ,
און זינגען אַ לויב, פריידיג דאָס ליד:
צו איהם איך געהאָפט און קיינמאָל נישט מיד
און גלויבען צו ג—ט געווען איז דער יוד,
צו איהם איך געהאָפט און געגאַנגען מיט פרייד,
ווי אַ כלה אַ יונגע אין חתונה-קלייד.

ארכיון אסופות

און פלוצלינג ענטפלעקען וועט זיך א בילד:
מיט פערלאָפענע אויגען רציחה און ווילד
שטיער־אָקס וועט קומען מיט מרוק און געברום —
אַ טרייסעל וועט געבען דער ים אינ׳ם תהום,
לויתן וועט טון א ציטער מיט עק
און אויפהויבען קאָפ און אויגען מיט שרעק.
— אָ, ציטער לויתן! די הערנער געגרייט
די הערנער, די שארפע געצילט אין דער זייט
פון דיין שטאָלענעם קאָפ, דיין גלאַנציגען לייב,
ציטער, אָ, שטיער־אָקס! דעם אקען בעהאַלט
אָט ווערט ער צושפאָלטען, אָט־ווערט ער צוקנאלט,
צוזעצט און צושפרונגען פון מעכטיגען שטויס. —
לויבען קומט דיך אויף מלחמה אַרויס!

און געהן וועט געראַנגעל מאַכט געגען מאַכט
הערנער און שווים פעדער—קראַפט געגען קראַפט
שארף געגען שאַרף—געוואַלט מיט געוואַלט—

די לעצטע מלחמה—אנגסטען געשטאלט.

די לעצטע מלחמה קומען וועט ענד
ג—ט ברוך הוא נעמען אַ שווערד אין האַנד
—און ריזלען וועט בלוט, וואַרעם און רויט
אָקס, לוירען ליגען שוין טויט. —
די לעצטע מלחמה איז שוין געטויט.
און אויפהערען וועט שרעקענס געברום,
און יעדערער צדיק, וואָס גוט איז און פרום
וועט געהן צו דער סעודה, וואָס איז אָנגעגרייט.
פאַר די צדיקים פון אייביגער צייט.

סיי בלענדענע טיש פון מערמעל־געשטיין
ביי טייכען, וואָס פליסען, מיט באַלזאם און וויין.
פאר יעדערן צדיק גרייט א געשאנק
גין־גאָלדענער בעכער מיט אלטען געטראַנק...

---

פריי יודיש: א. מגן

# די פטירה פונ׳ם בעל-שם-טוב זצ״ל

*

### ארביון אסופות (צו זיין 170 יאָהרצייט דעם היינטיגען שבועות)

נאָך מיט א צייט פריהער האָט ער געוואוסט וועגען דעם גזר־דין. דעם ,עצטען יום־כפור האָט ער אין הימעל געפיהרט אַ שווערע מלחמה מיט די פראנקיסטען, און זיי מנצח געווען. דאָס האָט איהם אָבער געקאָסט זיין אייגען לעבען,

מקבל באהבה געווען די שווערע גזירה, און די יעניגע תלמידים, וועלכע ער האָט חושד געווען, אז זיי וועלען צופיל מפציר בתפלה זיין פאַר איהם. האָט ער גאָרנישט מגלה געווען וועגען דעם, און זיי נאָך צושיקט אין פערשידענע מקומות.

שבועות ביינאַכט.

ס׳האָבען זיך צונויפגעזאַמעלט ביי איהם די רעשט חבריא קדישא, וועלכע זענען פערבליבען אין מעזיבוז, וואָך געווען די גאנצע נאכט און געזאָגט תיקון. ער האָט פאר זיי גערעדט וועגען מתן־תורה...

צומאָרגענס,

ער האָט בעפוי.ען אלע תלמידים זיך צוזאמענקומען ביי איהם, זיי מגלה געווען, אַז דעם היינטיגען טאָג ווערט ער נסתלק פון דער וועלט. צוגערופען ר׳ לייב קיסלער׳ן און אַנדערע תלמידים, חברה קדושה־לייט, און זיי געהייסען זיך מתעסק זיין מיט דער קבורה. אויף זיין אייגענעם הייליגען גוף האָט ער זיי געלערנט ווי צו דערקענען אַ קראַנקען נוטה למות. ער האָט זיי בפועל געוויזען ווי די נשמה זיינע געזעגענט זיך שווער מיט יעדעס אבר בעזונדער.

דערנאָך האָט ער געבעטען, אַז א מנין זאָל ביי איהם, אין חדר, דאַווענען. זיך געהייסען דערלאַנגען אַ סידור און געזאָגט:

— לאָמיר זיך נאָך אַ ביסעל אַדורכשמועסען מיט השי״ת.

באַלד נאָכ׳ן דאַווענען איז ר׳ נחמן האָראָדענקער געלאָפען אין בית־המדרש אַריין, מתפלל צו זיין פאר זיין רבי׳ן. האָט ער עס תיכף דערציפירט און זיך אָנגערופען מיט אַ שמייכעל:

— בחנם איז יעצט נחמן מרעיש עולמות. יאָ, ווען ער האָלט וויסען צו טרעפען אין דערזועלבער טהיר, אין וועלכער איך בין תמיד געוואוינט אריינצוקומען, וואָלט ער עס זיכער געווען אויסגעפועלט.

דעמאָלט איז צו איהם אַריינגעקומען די נשמה פון אַ מת און געבעטען אַ תיקון. האָט ער אויף איהם אָנגעשריגען:

— אכציג יאָהר ביזטו שוין נע ונד אויפ׳ן עולם התוהו, און האָסט נאָך ביז׳ן היינטיגען טאָג נישט געהערט, אַז איך בין דאָ אויף דער וועלט! טאָ אַרויס, רשע!

און באלד געזאָגט צום שמש:

— לויף שנעל אַרויס, און מאַך א געוואלד, אַז מענשען זאָלען אַוועקגעהן פון וועג. ער איז בייז אויף מיר, און וועט זיכער זוכען ווען ס׳איז מזיק צו זיין!

ווען דער שמש איז צוריק אַריינגעקומען האָט ער איהם געהערט מורמלען:

— כ׳בין דיר מוחל די 2 שעה! פייניג מיך נישט!

האָט זיך דער שמש געוואונדערט און געפרעגט:

— מיט וועמען רעדט דאָס דער רבי? ס׳איז דאָך קיינער נישטאָ!

האָט ער איהם געענטפערט:

— זעהסטו דען נישט, ווי ס׳שטעהט דאַ דער מלאַך־המות, וועלכער פלעגט תמיד פאַר מיר אַנטלויפען, וואו דער שווארצער פעפער וואקסט! אַצינדערט, ווי נאָר ער האָט געקריגען רשות איבער מיר, זענען זיך די פלייצעס ביי איהם צוואַקסען, און אַ גרויסע שמחה איז אויף זיין קאָפ.

נאָך דעם זענען אלע מענשען פון שטאָט געקומען איהם זאָגען „גוט יום טוב". האָט ער זיי מכבד געווען און געזאָגט דברי תורה. בעת דער סעודה האָט ער געהייסען דעם גבאי, אז ער זאָל ארויסגעבען פאַר׳ן עולם אַ גרויסע פלאַש מעד, האָט אָבער יענער געגעבען אַ פיל קלענערע.

האָט ער זיך אָנגערופען:

— „אין שלטון ביום המות", אפילו דער גבאי וויל מיך שוין אויך נישט הערען!

שפעטער האָט ער געזאָגט צו אלע:

— ביז יעצט האָב איך מיט אייך גומל־חסד געווען, יעצט וועט איהר דאָס דאַרפען טהון מיט מיר.

(סוף אויף זייט 17)





בית יעקב-לודז/גליון/שנה ז/גליון 055 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

# רחמנים בני רחמנים

(פון מיינע געפאנגשאפטס־זכרונות)

ד״ר נתן בירנבוים נ״י — מיט גריס דורך ארץ.

## פון אליעזר שינדלער

מיר זענען אנגעקומען קיין לוקאוו נ׳ו׳טמידע, הונגעריגע, פון רעגען דורכגעווייקטע און צובראכענע כחרס הנשבר. — שוין כ׳ג׳ר מעת־לעת טרייבט מען׳אונז, בייטאג און ביינאכט, און קיין עסען אין דער גאנצער צייט נאך קיין איין מאל אפילו נישט בעקומען. תחלת אב תרע״ה. די טעג זענען הייסע, סכנות, ביים וואנדערן זענען מיר איינגעהילט אין א וואלקען שטויב. מיר טרינקען, ווי דארשטיגע חיות, פון אלע שמוציגע וואסערן, וואס מיר דערזעהן אונטערוועגס. א סך פון אונז זענען קראנק געווארען אויף פערשידענע מאגען־קראנקהייטען, פונ׳ם פערדארבענעם וואסער און גרינעם אויבס.

די רוסישע זעלנער טרייבען אונז מיט גוטען און מיט בייזען. זיי האבען מורא, אז דער „גערמאניעץ" וועט באלד אנקומען און וועט אונז צוריקנעמען, ווארום די קולות פון דער דייטשער און עסטרייכישער ארטילעריע הערען זיך אלץ נעהנטער און בולטער. טרייסטען אונז די רוסען און מונטערן אונז אויף. באלד וועט קומען א קאמאנו ע וועלען מיר בעקומען עסען די והותר.

אין לוקאוו האט מען אונז געטריבען צום וואקזאל. רוסישע אפיצירען אין עלעגאנטע מונדירען, האבען זיך גערדייט ארום אינז, געשריגען, בעזידעלט און קאמאנדעוועט. מיר האבען פון זייערע געשרייען ווייניג וואס פערשטאנען.

צווישען אונז קריגסגעפאנגענע האבען זיך געבילדעט כל־ערליי לעגענדעס. א טייל האבען געזאגט, אז אין באהנהויף איז שוין אנגעגרייט עסען פאר אונזערטוועגען. מ׳האט פון אונטערוועגס מסתמא אהער טעלעפאנירט וועגען דעם. וואס דען, ס׳איז א הפקר־וועלט? ביז איצט האבען מיר געוואנדערט דורך קליינע ארימע דערפער, וואו די פויערים האבען אליין נישט וואס צו עסען, אבער אין אזא שטאט ווי לוקאוו, וואו אלץ, דאס גאנצע לעבען גייט זיין שטענדיגען סדר, וועט מען נישט לאזען פאלען צוויי טויזענד מענשען אויף די פנים׳ער פאר הונגער. געפאנגענע זענען דאך אויך מענשען. עס זענען דאך דא אינטערנאציאנאלע אפמאכען. עס איז דאך דא א רויטער קרייץ. אזוי צווישען האפענונג און יאוש זענען מיר געשטאנען אין געהאקטע צרות. א סך פון אונז האבען זיך פאר שוואכקייט און הונגער אנידערגעלייגט אויף דער ערד. נאך א צייט זענען אנגעקומען קאזאקען אויף קליינע פלינקע טירגיזישע פערד און געשריגען: שטייט אויף! פאשאל! מ׳האט אונז געטריבען צום שטאט און דארט אונז פערטיילט צווישען די פוילישע פויערים. אונז אריינגעטריבען צו הונדערטווייז אין די סטאדאלעס און פאר יעדען טויער און יעדען הויף זענען געשטאנען קאזאקען מיט נאגייקעס אין די הענט און אונז באוואכט. קיין עסען האבען מיר ווידער נישט באקומען. מיר זענען געלעגען א גאנצע נאכט און געפיבערט פאר הונגער און קעלט.

אינדערפריה, קוים האט די זון אנגעהויבען צו שיינען, האבען מיר פלוצים דערהערט א געשריי: יעווריי! זשידזשי! ארויס! מיר יודישע געפאנגענע האבען זיך טיפער בעהאלטען אין שטרוי, זיך צונויפגעקארטשעט. מיר האבען מורא געהאט, אז די רוסען וועלען אונז איצט אנטהון צרות. ווז׳ה׳ם צוליב וואס דען רופען זיי אונז תיכף פארטאגס? אונזערע „חברים" די עסטרייכישע קריגסגעפאנגענע האבען אויך גענומען שרייען פול נקמה און געשפעט „פארוואס גייט איהר נישט, זשידעס? די קאזאקען רופען אייך דאך! זיי וועלען אייך דארט געבען "קאשע"!... מיר זענען סוף־כל־סוף ארויס פון אונזערע בעהעלטענישען האלבטויטע און דערשראקענע. נאר ווי איבערראשט זענען מיר געווען, ווען אנשטאט נאגייקעס האבען זיך אונז אקייגען געשטרעקט הענט פון יודישע שוועסטערן.

לוקעווער יודישע פרויען, קינדער פון די רחמנים בני רחמנים, האבען זיך משער געווען, אז צווישען אזא גרויסער צאהל קריגסגעפאנגענע וועלען זיך זיכער געפינען יודען. האבען זיי פאר געלט און מתנות געפועל׳ט ביי די קאזאקישע שומרים אז זיי זאלען מעגען קומען העלפען זייערע געפאנגענע ברידער.

די יודישע פרויען האבען געוויינט, ווען זיי האבען אונז דערזעהן. בעדויערט אונזער ביטערן מצב. זיי האבען אונז דערלאנגט פעקלעך עסענווארג, בילקעס, צוקער און אביסעל געלט. אזוי זענען זיי געגאנגען פון סטאדאלע צו סטאדאלע. את אחי אנכי מבקש. זיי האבען אויפגעזוכט די יודישע ברידער זיי צו העלפען און צו שטיצען.

ווען מיר זענען צוריקגעקומען אין סטאדאלע האבען אונזערע „חברים", די טשעכען, די רוטענער, די פאלאקען אונז באגעגענט מיט שנאה און אנטוישונג. זיי האבען געמיינט, אז די קאזאקען האבען אונז שוין דערהרג׳עט און דא קומען מיר גאר אן מיט פעקלעך עסענווארג. זיי האבען געמוזט צוקוקען ווי די זשידעס עסען ווייסע חלה און אליין געמוזט ווארטען ביז מיטאגצייט, ביז די רוסען האבען אנגעגרייט עסען פאר די געפאנגענע...

אזוי זענען די יודישע פרויען געקומען יעדען טאג עטליכע מאל בעזוכען די יודישע געפאנגענע. אפט האבען די יודישע ווייבלעך בעקומען נאגייקעס פון די קאזאקען, נאר זיי האבען דערויף נישט געקוקט. זיי האבען זיך נישט געלאזט אפהאלטען פון צו העלפען זייערע ברידער אין דער פרעמד...

שבת־נחמו זענען מיר געווען אין קאצק. מ׳האט אונז אריינגעטריבען אין א הויף אריין. אין א ווינקעל פון הויף איז געשטאנען א הילצערן הייזעל. ביי א אפען פענסטער איז געזעסען אן עלטערער יוד און געלערנט גמרא...

פעלקער פיהרען מלחמות, הרגענען איינער דעם צווייטען מיט שטאל און אייזען אין נאמען פון קריסטענטום, קולטור און ציוויליזאציע... און דער יוד זיצט ביי דער גמרא און לערנט... אזוי איז ער געזעסען בעת נאפאלעאנס מלחמות, בעת דער זיבעניאהריגער און דרייסיגיאהריגער וועלט־שחיטה, בעת די קרייצצוגען און ביז ארויף צו די מלחמות פון די רוימישע צעזארען און אימפעראטארען...

אין הויף דרייען זיך ארום טויזענטער געפאנגענע זעלנער. זייערע הענט און מלבושים זענען נאך איינגעשמירט פונם פערגאסענעם מענשליכען בלוט... ווילדע קאזאקען, פראים, שרייען און שעלטען אויף פערשידענע רוסישע דיאלעקטען. די פיקעס, נאגייקעס און אנדערע כלי־משחיתים גלאנצען גרויזאם און בלוטדורשטיג אין זייערע הענט, נאר דעם יוד ביים פענסטער שרעקט דאס גארנישט, עס האלט איהם אפילו קיין איין רגע נישט אפ פונ׳ם לערנען... ער זיצט ווייטער אהן שום הפסקה פערטיפט ביי „אביי ורבא"...

א געפאנגענער, א גוי, איז צוגעגאנגען צו דעם יוד און געבעטען ביי איהם אביסעל וואסער. דער יוד האט איהם געבראכט א קווארט וואסער און ארויסדערלאנגט דורכ׳ן פענסטער. דערנאך זענען פיל געפאנגענע געקומען צום יודען נאך וואסער. דער יוד איז נישט מיד געווארען און כסדר געבראכט וואסער פאר די דורשטיגע געפאנגענע זעלנער... ווי א סימבאל האט דעמאלט דער יוד אויסגעזעהן אין מיינע אויגען. אפשר וועט



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ז/גליון 055 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

הרב דר. מיכאל הכהן זצ"ל

# שעקספּיר'ס פאַלשע וועגע.

## (המשך פון „צי איז שיילאָק אַ יוד")

וועגען דער דאָזיגער דראַמע קאָן מען זאָגען, אַז די מענשען, וואָס זעהען גאָר אויבערפלעכליך, וואָס פערמאָגען נישט קיין אינטעלינענץ, זעהען אין איהר נאָר דעם שלעכטען און געלט-גייציגען יוד. אַנדערע ווידער, מענשען, וואָס פערטראַכטען זיך טיפער, זעהען ווידער אין איהר דעם ביטערן גורל פון דעם געפּלאָגטען און גערודפטען יוד, דער מערטירער.

געוויס האָט אונז שעקספּיר אַ זעהר גרויסע עולה געטהון. ער האָט גענומען די שרעקליכע מדה פון בלוט-פערגיסונג און זי אָנגעהאָנגען אין אַ יוד, אין אַ זוהן פון דעם פאָלק, וואָס גיט אַרויס די קלענסטע צאָהל מערדער, און אַ קינד פון אַ פאָלק, וואָס זיין תורה האָט איהם אַפילו פערבאָטען צו עסען דאָס בלוט פון אַ בהמה און אַ חיה. און אַ צווייטע עולה האָט ער אונז געטהון, וואָס ער האָט דעם טיפּ פון אַזאַ שלעכטע טאָכטער, ווי יעסיקאַ געשילדערט אַלס יודיש קינד. יעסיקאַ איז אַנ'אויסוואורף. זי פערקויפט איהר פערשטאָרבענער מוטערס מתנה, דעם רינג פאַר אַ מאַלפּע, זי אַנטלויפט פון איהר פאָטערס הויז מיט איהר קריסטליכען געליבטען און בעגנב'עט דעם פאָטער, און ווען זי שטעהט אין געריכט און הערט זיך צו צו די בעליידיגונגען פון איהר פאָטער, דערוועקט זיך אין איהר נישט אויף קיין איין מינוט קיין פינק פון ליבע צו איהר אומגליקליכען אַלטען און צובראָכענעם פאָטער. יודישע טעכטער זענען נישט אַזוי. די יודישע טאָכטער האָט ליב איהרע עלטערן, איז בעשיידען און צניעות'דיג, און יעסיקאַ איז דורכאויס נישט יודיש. דערמיט האָט אונז שעקספּיר אויך אַ זעהר גרויסע עולה געטהון.

מיט דער אַלגעמיינער טענדענץ פון דעם ווערק האָט דער דיכטער אויך אונז אַ גרויסע עולה געטהון. פיל קריטיקער מיינען, אַז די אַלגעמיינע טענדענץ פון „קויפמאַן פון ווענעדיג" איז די פריינדשאַפט צווישען מענשען. איין קריטיקער האָט דאָס ווערק אַפילו אָנגערופען מיט'ן נאָמען: „שיר השירים פון דער פריינדשאַפט". דאָס איז אָבער אַ טעות, וואָרום אין דער צייט, ווען אַנטאָניאָ האָט אונטערגעשריבען דעם דאָקומענט, כדי צו בעקומען די דרייטויזענד דוקאַטען פאַר זיין פריינד באַסאָניאַ, האָט ער נישט געוואוסט, אַז ער דאַדורך קומען אין א געפאַהר. וואָרום ערשטענס איז ער דאָך געווען אַ זעהר רייכער מאַן, און צווייטענס, האָט ער דאָך אויף קיין איין מינוט נישט געקאָנט גלויבען, אַז באַסאָניאַ וועט אַזוי לייכטזיניג פערשווענדען דאָס געלד און איהם עס נישט האָבען אָפּצוגעבען צו דער ריכטיגער צייט, ובפרט נאָך אויב ער ווייסט, וואָס פאַר אַנ'אומגליק, עס וואַרט דאָך אויף איהם.

דער בעריהמטער שעקספּיר-ערקלערער גערוו ניוס וויל האָבען, אַז אין דעם דאָזיגען ווערק האָט אונז שעקספּיר געוואָלט שילדערן די כאַראַקטער-טיפּען פון צוויי-ערליי מענשען. פון איין זייט מענשען, וואָס פעראַכטען דאָס געלד און פון דער אַנדערער זייט — שיילאָק, אַ מענש, וואָס אַלץ איז ביי איהם נאָר דאָס געלד. אַזאַ טענדענץ קאָן מען אָבער שעקספּיר'ן נישט צושרייבען שוין דערפאַר, וואָס ער אַליין איז אין פּראַקטישען לעבען אויך נישט געווען אַזאַ שטאַרקער שונא בצע. עס איז דאָך אַ פאַקט, אַז ער האָט אַמאָל אַנ'אָרימאַן אָנגעקלאָגט אין געריכט פאַר אַ חוב פון 19 שילינג, וואָס יענער איז איהם שולדיג געווען פאַר אַ פונט שמאַלץ.

אַמוואַרשיינליכסטען איז דערביי דער מיין פון יענע קריטיקער, וואָס זאָגען, אַז שעקספּיר האָט ביי דעם ווערק געהאַט די טענדענץ צו בעווייזען, אַז יעדעס שטרענגע געזעץ פיהרט צו אונרעכט. פּאָרציאַ'ס פאָטער האָט פון זיין פאָטער-רעכט זעהר שטרענג אויסגענוצט און זי האָט זיך צוליב דעם פערבינדען מ'ט אַ שאַרלאַטאַן, בלויז דערפאַר, ווייל זי האָט געמוזט אויספיהרען דעם פאָטער'ס צוואָה. פון דער צווייטער זייט איז ליידער בעטראַכט געוואָרען די שלעכטע און אומגערעכטע אויפפיהרונג פון דער משומדת יעסיקאַ געגען איהר פאָטער, אַלס גערעכט און גוט. אָבער קודם כל זעהט מען די דאָזיגע סצענע זעהר בולט אַרויס אין דער געריכטס-סצענע. פאָרמעל איז שיילאָק טאַקע גערעכט, אָבער ווען מען זאָל די דאָזיגע רעכט אויספיהרען, וואָלט עס געווען די גרעסטע אומגערעכטיגקייט. דער דיכטער שטעלט די מדה פון חסד העכער פון אַלעם. די דאָזיגע ווערטער לעגט ער אַריין אין מויל פון דעם פערשטעלטען ריכטער, פון פּאָרציאַ. לויט די ווערטער פון די דאָזיגע שעקספּיר-ערקלערער וויל ער אַקעגענשטעלען געגען דעם „טויטען און טרוקענעם, שטרענגען" געזעץ פונ'ם יודענטום און „דאָס צאַרטע און דערבאַרימדיגע רחמנות-געפיהל פון קריסטענטום", וואָס פאַר אַ ביטערע עולה דער דיכטער וואָלט אונז דערמיט געטהון, אויב דאָס זאָל ווירקליך האָבען געווען זיין

---

ארכיון אסופות

פּאָרט באַלד קומען די צייט, פון וועלכער די נביאים האָבען גע'חלומ'ט.

אפשר וועט זיך אדום פאָרט באַלד דערמאָנען, און אויפהערען בלוט צו פערגיסען, אַוועקלייגען אויף אייביג זיינע כלי-מ־חית און קומען צום יודישען קוואַל נאָך וואַסער, נאָך „מיים-חיים" און ס'וועט מקוים ווערען דער גראַנדיעזער געדאַנק פון עמוס'ן דעם פּאַסטוך פון תקוע: „ולא צמא למים — זיי וועט נישט דאָרשטען נאָך וואַסער — כי אם לשמוע דבר ד' — נייערט צו הערען די רייד פון אלוקי ישראל...

צום פּאַרקאַן פונ'ם הויף איז צוגעקומען אַ קליין, בעחנ'ט, יודיש יונגעלע אין זיין שבת'דיג קאַשקעטעלע און קאַפּאָטקעלע. וויפיל חן פערמאָגט איהר, יודישע יונגעלעך! וויפיל שיינקייט און תפארת! אויף אייערע קעפּעלעך רוהט דאָך באמת די שכינה! דאָס קאָצקער יונגעלע האָט מיט מיר פערפירט אַ לאַנגען שמועס, געוואָלט אַלצדינג געוואָר ווערען, ווי עס געהט צו אויף די שחיטה-פעלדער, אין די אָקאָפּעס, אין די שיסגריבער און צי עס איז טאַקי אמת, אַז מענשען שטעכען דאָרט איינער דעם צווייטען פנים אל פניב... מיך געפרעגט צי ס'וועט אין קאָצק זיין אַ פּאָזיציע, צי וועט מען זיך שלאָגען לעבען קאָצק, צי עס וואָלט אפשר גלייכער געווען בייצייטענס צו אַנטלויפען פון קאָצק...

איך האָב ביים יונגעלע געבעטען ער זאָל אַהיים געהן און פרעגען צי עס איז נישטאָ קיין איבעריג העמד פאַר מייגעטוועגען. מיין העמד איז שוין אינגאַנצען צוריסען... זונטאָג אין דער פריה זענען שוין יודישע פרויען געקומען און אונז געבראַכט עסענוואַרג, העמדער לייבלעך און זאָקען...

מיר יודישע געפאַנגענע האָבען זיך דערקוויקט. מיר האָבען דאָך שוין פיל חדשים אויף אונזערע לייבער קיין פרישע וועש נישט געהאַט. אַזוי האָבען אונז יודען אומעטום געהאָלפען.

אַפילו אין די גאָר ווייטע און פערוואָרפענע רוסישע ישובים און קאַנטען, וואו מיר האָבען גאָרנישט געהאָפט צו בעגעגענען אַ יוד האָבען מיר אָנגעטראָפען אויף יודישער הילף און ברידערליכקייט...



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ז/גליון 055 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

זיין טענדענץ, דאַרף מען ערשט נישט בעווייזען. וואָרום פונוואַנען שטאַמט דען דער פּרינציפּ פון חסד און רחמים אויב נישט פון אונזערע נביאים, וואָס האָבען געזאָגט, אַז ג—ט איז אַ דערבאַרימדיגער און ער וויל נישט דעם טויט פונ׳ם רשע. נאָר ער האָפט אויף זיין תשובה און אַז ער וועט זיך אומקעהרען פונ׳ם שלעכטען וועג.

און ענדליך האָט אונז דער דיכטער אויך געטהון אַן׳עולה דערמיט, וואָס ער האָט געמאַכט שיילאָק׳ן פאַר אַ וואוכערער, פערגעסענדיג דערביי צוצוגעבען, אז נישט די יודען זענען שולדיג געווען דערין, וואָס זיי האָבען זיך פערנומען מיט דער דאָזיגער בעשעפטיגונג, נאָר מען האָט זיי געצוואונגען דערצו. דעם יוד האָט מען נישט צוגעלאָזט צו קיין שום בעשעפטיגונג, מען האָט איהם נישט געלאָזט זיך פערנעהמען מיט האַנדווערקעריי, מיט פעלד-אַרבייט און מיט אַלע אַנדערע נוצליכע און פּראָדוקטיווע בעשעפטיגונג, נאָר בלויז מיט קליין-האַנדעל און וואוכעריי. אין די מזרח-לענדער האָט מען קיין יודישע וואוכערער נישט געזעהן, דאָרט איז נישט געווען קיין עקאָנאָמישע בעגרעניצונגען פאַר יודען. אין קריסטליכען אייראָפּא האָט מען אָבער די גייסטליכע און קריסטען פערוועהרט צו נעבען געלד אויף פּראָצענט, נאָר אַזוי ווי מען קאָן זיך דערין נישט בעגעהן, האָט מען געצוואונגען די יודען, אַז זיי זאָלען זיך פערנעמען דערמיט. אין דער געשיכטע ווייסט מען פיל ביישפּילען, וואָס פיל הויכע קריסטליכע גלחים האָבען זיך פערנומען מיט וואוכעריי, און דער פּויבסט האָט זיי דערפאַר בעשטראָפט. ביי גרויסע יודען-שחיטות, בעת דעם צווייטען קרייץ-צוג האָט בערנאַרד פון קלערדיאָ נישט געראָטען אויסצוראָטען די יודען, ווייל דאָ וועט נישט זיין ווער עס זאָל געבען געלד אויף פּראָצענט, און אַז מען וועט דאַרפען אָנקומען צו קריסטליכע פּראָצענטניקעס וועט נאָך זיין ערגער פון פריהער.

יאָ, מען קאָן געהן נאָך ווייטער און זאָגען, אַז נישט די יודען האָבען אויסגעזויגען די קריסטען, נאָר פערקעהרט, די קריסטען האָבען שטענדיג די יודען בערויבט, זיי פעראָרימט, אויסגעשאָכטען, און די מאַכט האָט זיך קיינמאָל נישט געוואָלט אָננעהמען פאַר זיי. דאָס געזעץ פון די קריסטליכע לענדער איז שטענדיג געווען קעגען יוד.

טראָץ די אַלע טעותים טהי איך נאָכאַמאָל בעהויפּטען, אַז שעקספּיר האָט די יודען, וואָס אַנ׳אמת נישט ריכטיג, אָבער דאָך מיט אַ געוויסער פערשטענדניש געשילדערט. שעקספּיר האָט אונז יודען נישט געקענט, ער האָט אָבער געוואוסט וועגען די גרויסע רדיפות, וואָס מיר האָבען אין יענע צייטען געהאַט אויסצושטעהן, ווי מען יאָגט אונז און מען פּלאָגט אונז פון שטאָט צו שטאָט און פון לאַנד צו לאַנד. ווי מיר זעגען אומעטום צו שפּאָט און צו שאַנד, מיט וואָס פאַר אַ גרויזאַמקייט מען בעהאַנדעלט דעם יוד, אַז טיילמאָל בעציהט מען זיך שוין צו אַ חיה פיל בעסער, ווי צו אַ יוד.

(סוף — אין קומענדיגען נומער)


גע׳דענקט!

די שווערסטע צייט פאַר אונזער אַרבייט, זענען די לעצטע דריי זומער-חדשים —

געשעצטע פריינד,

אינקאַסירט איין תיכף דעם אַבאָנאַמענט פאַרן

קוואַרטאַל תמוז-אלול.


יעקב לאַנדאָ

# פונקען

צו שבועות.

בערג וואַקלען. טאָלען ציטערן. סיני שפּריצט פייער. די ערד עפענט זיך. הימעל שפּרייט אויס זיינע טויערן. ים רוישט. כוואַליעס ברויזען. און די מענשען? די מענשען מיט אָפענע הערצער, אָפענע אויערן. ג—טס שטים נידערט אַראָפּ. נאָכ׳ן שטים — זיין וואָרט. אין פלאַמען איינגעהילט. פלאַמען — — — — —

* * *

ג—טס וואָרט — אַ האַמער. שלאָגט פעלזען. פונקען שפּרינגען. שפּרינגען אין האַרץ. שפּאַלטען שטיינער. שטיינערנע הערצער. געפיהלען ענטפלעקען זיך. איך-געפיהל. וועלט-געפיהל. פיהלט זיין איך אין דער וועלט. פיהלט די וועלט אין זיין איך. ג—טס וואָרט שאַפט איינהייט. איינהייט אין דער ענטפלעקונג ענטפלעקונג. — — — *

* * *

ג—טס שטים הערט מ׳אויך אין דער נאַטור. „ג—טס שטים שפּאַצירט אינ׳ם גאָרטען". אינ׳ם גאָרטען פון דער בריאָה. שטים שלאָגט נישט פעלזען. שטים בעצויבערט. שטים איז מוזיק. ערשט ג—טס וואָרט דונערט. פון פייער אַרויס. האַקט שטיינער. בעפעהלט. שאַפט לעבען. ענטפלעקט לעבען. — — —

* * *

לעבען לויט געזעץ. געזעץ טראָגט אין זיך פרייהייט. אָרדענט דעם כאַאָס. בעצווינגט קנעכטישע ליידענשאַפט. „איינגעגראָבען איז די פרייהייט אין די לוחות". יאָ, אין שטיינערנע לוחות. אין געזעץ. געזעץ איז פייער. ווייס פייער אָדער שוואַרץ פייער. ווי ס׳ווערט אָנגעווענדעט. אין קנעכטשאַפט אָדער אין ליבע. ליבע.

* * *

„ליבען זאָלסטו דיין ג—ט". אין ליבע זאָלסטו איהם דינען. און ליבע איז פרייהייט. ליבע איז פייער. „פון פייער אַרויס האָבען מיר זיינע ווערטער גע׳הערט". אין פלאַמען איז ער ערשינען. פרייהייט אונז געבען. אמת׳ע פרייהייט. איז נאָך עפּעס גרעסערס פערהאַן אין דער וועלט? לעבען אין פרייהייט. פרייהייט.

* * *

נשמה ציטערט. בענקט. גאַרט. צאַפּעלט. שמערצט. ביז, יאָ ביז ג—טס שטים נידערט אַראָפּ. נשמה זוכט. קוועלט זיך אין איהר קנעכטשאַפט. ווייסט נישט אַנ׳ענטפער אויף: פונוואַנען, וואוהין, פאַרוואָס און צו-וואָס, ביז, יאָ ביז ג—טס וואָרט הילכט אַראָפּ. ג—טס וואָרט שאַפט פרייד. אונענדליכע פרייד. אמת׳ע פרייד. פרייד — — — — — — — — — — — — —


יעדע בית יעקב-שול

געווינט א סך, ווען זי צושיקט צו אלע

עלטערן די נייע פּראָפּאַגאַנדע

בראָשור פון שרה שענירער




בית יעקב-לודז/גליון/שנה ז/גליון 055 a הודפס מתוך הארכיון היהודי
עמוד 10 מתוך 20

# פעדאגאגישע אפטיילונג*)

געלייטעט און רעדאַגירט דורך י. ל. אָרלעאַן

## אונזער רעליגיע־בוך.

פון דר. נ. עהרמאַן ז״ל

(המשך)

די רייפערע קינדער כאַפּען זיך אַליין צום ביכעל, צום קאַלענדאַר אונזערן, און הויבען שוין דעריין אָן צו בלעטערן. ס'ערשטע זוכען זיי מסתמא זייער געבורטסטאָג. דער דאָזיגער מאָמענט פון כאַפּען זיך אַליין צום ביכעל ברענגט קודם-כל אַריין די הייטערע נשמה-שטימונג און דאָס אָנקיקען בפועל ממש דעם געגענשטאַנד, וואָס דאַרף ערשט געלערנט ווערען.

דער אונטעררי‌כט מוז אָנגעקניפּט ווערען אין ממשות'דיגען שטאָף, וואָס ליגט פאַר די שילערס אויגען. פון דעם פאָרליגענדען שטאָף מוז זיך אַרויסוויקלען די גאַנצע לעקציע. אויב נישט, מעג דער לעהרער פול זיין מיט די איידעלסטע אידעען, וועט דער גאַנצער אונטערריכט נישט מעהר זיין, ווי הוילע ווערטער-געשוויי־לעכץ און פוסטע אונפערשטענדליכע פּראַזעאָלאָגיע. דעריבער האָט זייער זעלבסט-איינקוקען זיך אין ביכעל אַזאַ גרויסען ווערט.

פערשטעהט זיך, אַז פאַר די שול-קינדער, וואָלט איך איינגעפּ ה׳ט אַ גאַנץ אַנדערן קאַלענדאַר. קודם כל וואָלט ער געמוזט זיין אי טעכניש, אי פאָרמעל ריין יודיש. אויסער דעם, וואָס אינ'ם שול-קאַלענדאַר דאַרף נישט אַריינקומען קיין שום גויאישעס, אַז די פאָרם גופא אפילו זאָל ענטשפּרעכען די אמת-יודישע השקפות. אָט למשל, וואָלט איך די יודישע רוה-טעג נישט בעצייכענט מיט רויטער קאָליר. און דער מאָמענט וואָלט דורך מיר גלענצענד אויסגענוצט געוואָרען צום אונטעררי‌כט.

וואָרום אייגענטליך ווייס איך נישט, וואו און פון וואָס אָנצוהויבען דעם אונטערריכט אינ'ם קאַלענדאַר. איך ווייס נישט וועלכעס אינטערעסירט צום מייסטען די קינדער אין ערשטען מאָמענט, ווען זיי בעטראַכטען דעם קאַלענדאַר. אין אַזאַ פערלעגענהייט האָב איך שטענדיג איין עצה. איך מוז עס געוואָר ווערען ביי די קינדער גופא. כ'פרעג מיך אַלזאָ ס'ערשטע: „קינדער, מיט וואָס איז דער דאָזיגער יודישער קאַלענדאַר, וואָס ליגט פאַר אייערע אויגען, אַנדערש פון אַלע אַנדערע בירגערליך-וועלטליכע קאַלענדאַרען?“ און דאָס וואָס זיי וועלען ענטפערן מוז זיין דאָס מאַכיגסטע אויף צו בעשטימען עס אַלס אַריינפיהר צו דער לעקציע.

און גראָד דערמאָנט זיך למשל אַ קינד, אַז אינ'ם בירגערליכען קאַלענדאַר אונטערשיידען זיך די רוה-און פייער-טעג פון די געוועהנליכע טעג מיט דעם, וואָס זייערע ציפערן זענען בעצייכענט מיט ר ו י ט. דאַגעגען אין אונזער לוח זענען אַלע טעג אויף שוואַרץ געצייכענט, אַזוי אַז איין טאָג זעהט אַקוראַט אויס ווי דער צווייטער. און דאָ שוין האָט דער בעסערער לעהרער אַ געלעגענהייט אויפצוקלערען די קינדער, אַז לויט דער יודישער השקפה זענען אַלע טעג פון גלייכען ווערט. אמת טאַקי, אַז דער אויבערשטער האָט דעם שבת געבענשט און געהייליגט, און דערמיט גופא איהם אויסגעצייכענט פון אַלע אַנדערע טעג. אָבער די דאָזיגע אויסצייכנונג מאַכט נישט די איבריגע טעג נידעריגער. אין געגענטייל, זיי ווערען דורך דעם געהויבענער. דער שבת איז דער מיטעלפונקט פון דער גאַנצער וואָך.

די ערשטע דריי טעג ענטהאַלטען די קדושה פונ'ם פערגאַנגענעם שבת. די אַנדערע דריי ווערען שוין בּאַשטראַהלט פון דער הייליגקייט פון קומענדיגען שבת. די גאַנצע וואָך לעבט פון דער ברכה, וואָס די שבת-טעג פון פאָרענט און פון אונטען שיקען איהר צו. נישט קיין וואונדער אַלזאָ, וואָס מיר האָבען אַנ־אייגענאַרטיגע בעצייכנונג פאַר די וואָכען-טעג. ביי אונז הייסען זיי: אחד בשבת, שני בשבת. דער ערשטער טאָג, וואָס פיהרט צום שבת, דער צווייטער טאָג וואָס פיהרט צום שבת א. א. ז. וו. דעריבער שטעהט נישט דער שבת אין געגענזאַץ צו דער וואָך, דער שבת איז די השלמה פון דער וואָך.

זייענדיג דורכגעדרינגען פון אַזאַ שבת-גייסט, ערוואַרט דער יוד אַ צייט שכולו שבת, וואָס זאָל בלויז שבת זיין. און יעדער טריי איבערלעבטער שבת איז מעין עולם הבא, וועקט אין איהם די אַהנונג פון אַ צייט, אין וועלכער מיר וועלען האָבען מנוחה לחיי העולמים, מנוחה צום אייביגקייטס לעבען. וואָרום אָהן דעם שבת-גייסט בילדעט דאָך דאָס לעבען אַ קייט פון זאָרגען און קאַמפען. די זעקסטעגיגע אַרבייט איז פאַר'ן יוד פונקט אַזאַ פליכט, ווי צו רוהען שבת. ער ציטערט נישט ביים איינטרעטען פון שבת איבער דעם, וואָס ער מוז אַ גאַנצען טאָג זיך צוריקהאַלטען פונ'ם ערווערב-לעבען. ער הויבט אויף דעם בעכער מיט'ן דאַנק צו השי״ת, וואָס ער האָט געהייליגט דעם שבת און אויסגעשטעלט אַזוי דאָס לעבען, אַז די גאַנצע וואָך זאָל פונ'ם שבת געניסען. דער יוד לעבט נישט שבת פון דער וואָכען-אַרבייט, נאָר די וואָכען-אַרבייט דע האַלט איהר קדושה און ברכה פונ'ם שבת. דעריבער שרעקט זיך נישט דער ייד ביים אויסגאַנג פון שבת פאַר דער אָנקומענדער אַרבייטס-צייט. ער הויבט ווידער אויף דעם זעלבען בעכער, פון וועלכען ער האָט, ביים שבת-אָנהויב, די נשמה יתירה אויפגענומען און דאַנקט ג—ט פאַר דער ליבליכער פערזאָרגונג, וואָס ער האָט דעם שבת אָפגעטיילט פונ'ם וואָכען-טאָג. ער ווערט נישט אַזוי בערוישט אינ'ם שבת, אַז ער זאָל נישט קענען צוריקגעהן צו דער פּראָזאאישער ווירקליכקייט. ער האָט נישט קיין רויט-געצייכענטען שבת, דעריבער ווייס ער נישט פון קיין בלויען מאָנטאָג.

דאָס אייגענע גילט אויך פאַר די ימים טובים. אמת טאַקי, אַז השי״ת האָט אַרויסגעריסען די ימים-טובים פונ'ם גראָהען צייט-גלות און אויסגעקליידעט זיי מיט גלאַנץ און פּראַכט. זיי וואַרפען אָבער אויף דעם שווערען צייט-לעבען אַ שימערנדען קריסטאַל-שיין. „וטוב לב משתה תמיד“. אַ גוט האַרץ האָט שטענדיג שמחה — לערנט אונז דער חכם מכל האדם (משלי 15 פסוק 15). נישט נאָר אין פסח, יעדען טאָג געהען מיר אַרויס פון דער מצרישער שקלאַפעריי דורכ'ן געשפּאָלטענעם ים.

ניי איבערחזר'ט זיך פאַר יעדען טעגליך די ענטפּלעקונג פון השי״ת אויפ'ן סיני, ביי קבלת התורה, וואָס איז געשעהן אין שבועות. פערשטעהט זיך, אַז דאָס פיהלט מען נאָר דאַן, ווען מ'פערטיפט זיך אין דער תורה און מ'איז מקבל אויף זיך דעם עול מצוות אדם נידון בכל יום. יעדען טאָג קאָן יעדערער האָבען אַ ראש השנה און יום כפור, אויב ער בעשליסט זיך נאָר

*) אַלע מאַטעריאַלען פאַר דער פעדאַגאָגישער אָפטיילונג דאַרפען צוגעשיקט ווערען אויפ'ן אדרעס פון אונזער רעדאַקציע מיט דער צושריפט: „פאַר פעדאַגאָגישער אָפטיילונג“.

**האָט איהר שוין די נייע אויסגאַבען פון אונזער טאַשען-ביבליאָטעק „רות“ און „פרקי אָבות“ אין יודיש?**



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ז/גליון 055 a הודפס מתוך הארכיון היהודי עמוד 12 מתוך 20

אָנצוהויבען אַ נײַ לעבען און בעט פון ג–ט מחילה אויף זיינע בעגאַנגענע זינד. און פון אַזאַ לעבענס-ערנסט וועט ער שטענדיג און אומעטום האָבען אַ זמן שמחתנו (סוכּות) אַנ'אמת'ע פרייד פון לעבען.

נאָר די דאָזיגע פּאָר בעמערקונגען וועלען מיר אַלזאָ שוין עפענען דעם לוח און אָנהויבען דעם פּאַקטישען רעליגיאָנס-אונטערריכט.

(המשך קומט)

# דאָס חשיבות פון דער בכורה.

אַ מוסטער-שמועס צווישען דער לעהרערין און די קינדער נאָך דער געשיכטע - לעקציע וועגען עשו'ס פערקױפען די בכורה.

בעאַרבייט דורך יהודה ליב אָרלעאַן.

— ווער פון אייך ווייסט, וואָס עס בעטייט דאָס וואָרט „בכור".

— „בכור" אין יודיש הייסט: דער עלטסטער. דאָס קינד וואָס ווערט ביי אַ פאַמיליע געבוירען צום ערשטען, רופט מען „בכור".

— דעצידירט די דאָזיגע עושטלינגס-געבורט אויך אויף צו האָבען אין לעבען ברייטערע רעכט, ווי די איבריגע קינדער?

— יאָ, אין דעם ירושה-פערמעגען, וואָס די עלטערן לאָזען איבער פאַר אַלע קינדער, נעמט דער בכור אַ טאָפּעלט חלק פון דעם, וואָס פאַלט אויס פאַר יעדען איינציגען פון די איבעריגע קינדער.

— האָט נאָר דער בכור מעהר רעכט און נישט מעהר פליכטען?

— ניין, דער בכור האָט אויך מעהר פליכטען. ביז דער צייט ווען די יודען האָבען געמאַכט דאָס עגל, זענען די בּכורים* געווען פערפליכטעט מקריב צו זיין קרבּנות, ווי שפּעטער די כּהנים.

— אָבער היינט האָבען די בכורים שוין נישט מעהר קיין פליכטען?

— ניין, אויך היינט איז פאַר די בכורים געבליבען אַ געוויסע מאָראַלישע פליכט זיך אויפצופיהרען איידעלער און בעסער ווי ווער אַנדערש. אַלס עלטסטער איז דער בכור מחויב מיט זיין אויפפיהרונג זיך ספּעציעל אויסצוצייכנען, כּדי צו זיין דערמיט אַ מוסטער פאַר די יונגערע קינדער. ער איז מיט יעדער גוטער אָדער שלעכטער האַנדלונג פעראַנטוואָרטליך פאַר דער ווירקונג, וואָס דאָס וועט האָבען אויף די יונגערע פון איהם.

— און איהר, ליבע קינדער, וואָלט אויף זיך געוואָלט נעמען אַזעלכע שווערע פליכטען, וואָלט איהר עס בעטראַכט פאַר אַ גליק דאָס מוזען זיין אַ מוסטער פאַר אַנדערע, נישט קוקענדיג דערויף וואָס עס פאָדערט מעהר אָנשטרענגונג אין לעבען?

— געוויס יאָ. מיר שטרעבען דאָך צו גוטס. דאָס גוטע שטרעבען מיר דאָך, זאָל פערווירקליכט ווערען וואָס גיכער און ארומנעמען אַלע מענשען פון דער וועלט. פאַרוואָס-זשע זאָלען מיר עס נישט וועלען. טראָץ די קרבנות, וואָס זענען דערביי נויטיג, ווירקען מיט אונזער ביישפּיל אויף אַנדערע?

— וואָס אָבער וואָלט איהר אָנגערופען גוטס? וואָסאַרע אייגענשאַפטען דאַרף די זאַך פערמאָגען, איהר זאָלט דערין זעהען, אַז ס'איז גוט און בעשטימען עס פאַר אייער אידעאַל צו ברענגען דערפאַר אַלע אַנדערע זאַכען און שטרעבונגען אַלס קרבנות?

— גוט איז דאָס פון וועלכען מיר וואָלטען הנאה געהאַט שטענדיג. כ'ה'ט איין וואָרט: גוט איז קודם-כּל דאָס, וואָס פערלירט קיינמאָל נישט זיין ווערט, דאָס וואָס איז אייביג.

— גיט-זשע מיר, ליבע קינדער, אַ ביישפּיל פון לעבען, וועלכעס איז דויערהאַפטיגער און אייביגער און ממילא ווערטפולער פאַר'ן מענש?

— ס'האָט זיך איינעם פערגלוסט צו מאַכען ערגיץ-וואו אַנ'אויספלוג. קיין געלד האָט ער אָבער נישט געהאַט. איז ער אריין אין אַ געשעפט און עפּעס אַראָפּגע'גנב'עט און עס פערקױפט, כּדי צו האָבען דאָס נויטיגע געלד. דער אויספלוג האָט אַלזאָ געקענט פערשאַפען איהם פערגעניגען, וואָס האָט געקענט דויערן נישט מעהר, ווי אַ האַלבען טאָג און גנב'ענען האָט ביי איהם צו גענומען די איידעלע מידה פון נישט וועלען געניסען פרעמדע האַרעוואַניע. דאָס געוויסען פון עהרליכקייט וועט איהם פּייניגען דאָס גאַנצע לעבען פאַר דעם חטא, וואָס ער איז בעגאַנגען צוליב אַ פערגעניגען, וואָס האָט נישט מעהר געדויערט, ווי אַ האַלבען טאָג. וואָלט דער דאָזיגער פריהער בערעכענט דעם ווערט פון זיין מאָמענטאַלען פערגעניגען אַקעגען דעם קאָלאָסאַלען גייסטיגען שאָדען אויף זיין גאַנץ לעבען, וואָלט ער זיך זיכער דערפון אָפּגעזאָגט.

— געדענקט איהר נישט אַמאָל פון די געשיכטע-לעקציעס אַ פאַל, ווי צוויי ברידער האָבען זיך געשפּאַרט איבער דעם חשיבות און פאָרציגליכקייט פונ'ם קערפערליכען, מאָמענטאַלען פערגעניגען לגבי דעם גייסטיגען און אייביגען?

— מיר געדענקען. אַודאי די געשיכטע פון פערקױפען די בכורה. גענויער ווייסען מיר אָבער עס נישט, ווי אַזוי דער דאָזיגער געדאַנק פּאַסט זיך דאָרט אַריין.

— אויב אַזוי וועל איך אייך שוין אַביסעל אויספיהרליכער געבען צו ערקלערען. לאָמיר אייגענטליך די דאָזיגע קורצע געשיכטע נאָך אַמאָל דאָ ווידערהאָלען.

עשו, אַהיימקומענדיג פון פעלד, נישט געדאַוונט, נישט געוואַשען, אָהן אַ ברכה, ווענדעט זיך צו יעקב'ן: יעקב, שיט מיר שוין אַריין דאָס רויטע, וואָס דו האָסט אָפּגעקאָכט! וואָס איילסטו זיך אַזוי — פרעגט זיך יעקב — געדענקסטו גאָרנישט, אַז איידער מ'געהט עפּעס געניסען, מוז מען פריהער ג–ט דאַנקען פאַר דער געגעבענער שפּייז? אויב דו קאָנסט דיך נישט בעהערשען אויף אַ מינוט און צוליב דעם ביזטו גרייט אפילו אינ'ם בעשעפער צו פערגעסען, מוזטו דאָך אויפהערען צו גילטען אַלס בכור. דו דאַרפסט דאָך אַלס עלטסטער זיין אַ מוסטער פאַר אַנדערע, וויסען וועלכעס איז וויכטיגער און פריהער און וועלכעס דאַרף געאָפּפערט ווערען פאַר'ן וויכטיגסטען.

וועסטו זיך נישט קענען בעהערשען און די תאוה, וואָס וועט דיר אונטערקומען, מעג איהר פערגעניגען נישט דויערן לענגער ווי אַ מינוט, מוזען באַלד האָבען ערפילט — פערלירסטו דאָך דערמיט דיין בכורה, ווערסטו דאָך אויס מוסטער פאַר אַ בעסער גייסטיג לעבען. וואָס ענטפערט איהם עשו? „איך שטאַרב דאָך שיעור יעצט פאַר דעם פערגעניגען. כ'בין דיר מוחל דאָס גליק צו זיין אַ מוסטער, אַ בכור. נעם עס דיר דאָס גליק. נעם דיר דאָס אייביגע גוטס, דאָס גוטע אויפ'ן גאַנצען לעבען. איך וויל דערווייל לעבען אַ גוטע מינוט". און יעקב? יעקב נעמט אויף זיך גערן די אָנגענעהמע פליכט. טראָץ דעם, וואָס עס איז פאַרלויפיג אַביסעל שווערליך, אָבער דערפאַר ברענגט זי דעם מענש פיל דויערהאַפטיגעס גליק. וועט איהר גישט אַלע אָנערקענען, ווי נאַריש עשו האָט געהאַנדעלט, פערקױפענדיג די בכורה, דאָס אייביג גוטע, דאָס איידעלע פאַר אַ מאָמענטאַל פערגעניגען, פאַר אַ טאָפּ לינזען! און נישט נאָר איהר, אַפילו עשו אַליין, האָט זיין גאַנץ לעבען בעדויערט, פאַרוואָס ער מוז פערקױפען שטענדיג דאָס בעסטע און אידעאַלסטע פאַר אַ קליינליך נישטיג קערפערליך פערגעניגען. — „שוין צוויי מאָל — שרייט עשו אויס אין זיין שפּעטערדיגען לעבען — האָט ער, יעקב, מיך אָפּגענאַרט. איינמאָל די בכורה און יעצט די ברכה. עשו וואַרפט נאָך די שולד פאַר זיין לייכטזיניגקייט אויף אַנדערע. ער קען גאָרנישט

שפעטער, מאַכענדיג דעם חשבון, פערשטעהן, אַז נאָר ער אַליין איז זיך דערין שולדיג.

איז דען די געשיכטע פון עשו מיט יעקב'ן און זייער קאַמף פאַר דער בכורה אַן'איינצעלנער פאַקט? דערין זעהען מיר די וואונדערבאַרע אָפּשפּיגלונג פונ'ם גאַנצען לעבען. ווייניג מענשען זענען פערהאַן, וואָס צוליב אַן'הנאָה פון אַ מינוט פעראומגליקליכען זיי זיך אויפ'ן גאַנצען לעבען. אַלע די, וואָס פערקויפען זייער געוויסען, אמת, ערליכקייט און אייביגקייטס-אידעאַל פאַר אַ פערבייגעהענדיג פערגעניגען, זענען דאָך אמת'ע עשו'ס! מענשען פערקויפען אָפט דאָס אייביג גוטע פאַר א טאָפּ לינזען, נישט וויסענדיג צו אונטערשיידען דאָס וויכטיגע פונ'ם ווייניגער וויכטיגען. וואָלטען זיך די מענשען אויף אַן'אמת געלערנט וויסען, וואָס ס'איז גוט, וואָלטען זיי אַזוי לייכט נישט בעהערשט געוואָרען פון זייערע תאוות. ווער ס'האָט נאָר איינמאָל געלייענט אַ גוט ביכעל און נעועהן, וואָס פאַר אַ נוצען ס'ברענגט איהם, וועט שוין קיין שלעכט ביכעל אין דער האַנד אַריין נישט נעהמען. ער וועט שוין וויסען וועלכעס צו בעפאָרצוגען.

צו בעפאָרצוגען וויכטיגס פאַר ווייניגער וויכטיגס דאַרף מען זיך גאַנץ לאַנג לערנען צו פערשטעהן. אָט לייענען מיר אָפט אין די צייטונגען אַזאַ מין אַנאָנס: „ווער עס וויל באמת גליקליך ווערען, דער זאָל קויפען אַ געווין-צעטעל צו דער פאָרשטעהענדער לאָטעריע-ציהונג!”.

אין ערשטען אויגענבליק דאכט זיך, אַז דער אַנאָנסען-געבער איז פאָלקאָם גערעכט. דורך געלד קען מען דאָך אַלץ דערגרייכען! איז אָבער טאקי געלד דאָס העכסטע ציל אין לעבען? אָפּפערן דען נישט פיל מענשען, צוליב געלד, זייער איידעלקייט, ערליכקייט און יודישקייט? אין גיעג נאָך רייכטום קען מען זעהר פיל פונ'ם אייביג גוטען פערלירען. אַזוי ווי ציגעל בעשטימען נישט דעם ווערט פונ'ם הויז. כאָטש דאָס הויז האלט זיך אויף זיי, אזוי איז דאָס געלד נאָר וויכטיג אין לעבען, אָבער נישט דאָס סאַמע וויכטיגסטע.

אָבער אזעלכע עשו-טיפען זענען דען נאָר פערהאַן אינ'ם לעבען פון די דערוואַקסענע? קענט איהר דען נישט, צווישען קינדער, אויך טרעפען אַזעלכע שטייגער נאַרישע הענדלער, ווי דער אַמאָליגער עשו? אָט איז אַ קינד אַמאָל אויסגעקומען צו זיין אין אַ קרייז פון מענשען, וואָס פיהרען זיך נישט יודיש. געווען איז עס שבת, און כדי אויסצומיידען אַ חילול שבת, האָט דאָס דאָזיגע קינד בעדאַרפט ערקלערען דרייסט פאַר אַלע, אַז מ'טאָר דאָס נישט טהון צוליב שבת. דאָס קינד האָט זיך אָבער געשעהמט. מ'וועט פון איהר אין דער מינוט לאַכען. כדי מ'זאָל פון איהר אַ מינוט נישט לאַכען, האָט זי פערקויפט דערפאַר דעם הייליגען שבת.

אָדער אַ צווייטען פאַקט. ביי די גויים איז אַ מנהג איינמאָל אין יאָהר, דעם ערשטען אַפּריל, אָפּצונאַרען איינער דעם צווייטען פשוט זאָגען ליגענד. אין דעם טאָג איז ערלויבט די שול-קינדער אָפּצוטהון זייערע לעהרער, עלטערן און פריינד די ווילדסטע שפּיק. די קינדער האָבען דערפון אָהן אַ שיעור הנאָה. פאַר אונז יודישע קינדער איז דאָס ערשטענס אַ פערברעך, אַ פשוט'ע עבירה. ליגענד טאָר מען קיינמאָל נישט זאָגען. בעזונדער טאָר מען נישט נאָכטהון די שלעכטע מנהגים פון די פעלקער. דאָס איז אַ צווייטע עבירה. און ווען יודישע קינדער קענען זיך נישט בעהערשען זיי פערגלוסט זיך אין ערשטען אַפּריל צו מאַכען אַ שטיקעל, ווי ביי די גויים, פערקויפען זיי דען נישט דערמיט דאָס אייביגע יודישקייט פאַר אַ מינוטען-פערגעניגען, פאַר אַ טאָפּ-לינזען?

לאָמיר נאָך נעהמען אַלס ביישפּיל אַ דריטען פאַקט. אין דער היים פון איינער פון אייך, זענען פערהאַן יונגערע קינדער. און ווען דאָס דאָזיגע עלטערע קינד זאָל שטענדיג פאָלגען זיינע עלטערן, העלפען זיי, ווען ס'איז נאָר מעגליך, אין זייער שווערער אַרבייט, שטרענג אָבהיטען צו מאַכען אַ ברכה איבער יעדען עסען און טרינקען, אַרויסווייזען בעזונדערע פלייסיגקייט אין די יודישע לימודים, לאָזען זיך מיט שטאָלץ רופען דעם יודישען נאָמען, בענוצען זיך מעהר, איבערהויפּט צווישען פרעמדע מיט דער יודישער שפּראַך – וועלען זיך זיכער די יונגערע קינדער נעהמען אַ ביישפּיל און נאָכטהון די שעהנע אויפפיהרונג, וואָס פיהר'ט צו אייביגען גליק. איז צוליב פוילקייט און קליינליכע נאַרישע פערגעניגענס, וואָס פערשווינדען גלייך, ווי מ'געניסט פון זיי, איז גרייט דאָס קינד צו פערנאַכלעסיגען אַזעלכע אייביגע ווערטפולקייטען, וואָס זענען אַ גליק קודם פאַר זיך און דערנאָך פאַר אַנדערע.

און ווען דאָס קינד ענטפערט, פאָדערנדיג פון איהר, איינס פון די אויבען אויסגערעכענטע פליכטען, אַז ס'וויל נישט זיין קיין אויסנאַהם. ס'וויל פאַר קיינעם נישט זיין קיין מוסטער, ס'איז מוחל די בכורה, איז זי דען נישט אַזוי נאַריש, ווי עשו, וואָס האָט די בכורה פערקויפט פאַר אַ טאָפּ לינזען און זיין גאַנץ לעבען דערויף חרטה געהאַט.

די דאָזיגע געשיכטע פון עשו מיט יעקב'ן איז פאַר אונז אַ זעלטענע לעהרע. מיר זעהען אונזער גאַנץ לעבען אָפּגעשפּיגעלט אין דעם דאָזיגען פאַקט. אַפילו קינדער שטייגען נאָך טיילמאָל אַריבער מיט זייער לייכטזיניגקייט דעם נאַרישען האַנדעל מיט עשו'ן. און הויבט מען זיך אָן אין דער קינדהייט צוצוגעוועהנען צו אַזעלכע מעשים, איז שוין שווער אין שפּעטערן לעבען אַנדערש צו האַנדלען. מ'דאַרף נאָר איינמאָל, צוויימאָל דערפיהלען דעם טעם פון הימלישען גליק, איז שוין דערנאָך לייכטער מקריב צו זיין דערפאַר אַלע קליינליכע פערגעניגענס און איהר, קינדער פון יעקב'ן, לערנט אייך וויסען, וואָס וויכטיג איז און וואָס אייביג איז, לערנט אייך נישט צו פערקויפען די בכורה פאַר אַ טאָפּ לינזען!

בעמערקונג: דעם דאָזיגען שמועס האָב איך נאָר געגעבען אַלס מוסטער פערשטעהט זיך, און די קינדער מוזען נישט גענוי ענטפערן, ווי איך האָב עס צוזאַמענגעשטעלט. די לעהרערין דאַרף זיך נאָר בעמיהען, וואָס מעהר און דייטליכער אַרויסצובעקומען תשובות פון די קינדער. קענען זיי דאָך נישט דעם ענטפער געבען, דאַרף זי דערצו מיט איהר פּעדאַגאָגישען איינזעהן אַליין צוהעלפען דערצו. דער שמועס באַזירט זיך דער עיקר אויפ'ן יסוד, אַז די געשיכטע-לעקציע זאָל אַריינדרינגען אין דעם טעגליכען לעבען פון קינד און ווערען אַ ריכט-ליניע אויף צו רעגולירען אַלע זיינע האַנדלונגען. פון דער אַנדערער זייט ווערט דערמיט אויסגעמיטען, ווי ווייט מעגליך, דעם געברויך פון ספּעציעלע שעה'ן אויף דת-לעקציעס, וואָס גיט ווייט נישט דעם געהעריגען ערפאָלג. די קינדער האָבען אַזוי אַרום אַלערליי געגענשטענדס-לעקציעס, אָבער נאָר נישט קיין דת ספּעציעל.

דער געדאַנקען-גאַנג פונ'ם דאָזיגען שמועס קען געהאַלטען ווערען פאַר קינדער אין עלטער פון 12–13 יאָהר אָן און העכער.

בכלל דאַרף, דורך דער לעהרערין, דער דאָזיגער שמועס נישט אויסגענוצט ווערען ווערטליך. ס'דאַרף נאָר דינען אַלס שטאָף און מעטאָד.

פערשפּרייט
אונזער בייע
פרק-אויסגאַבע אין יודיש!

הארכיון היהודי
ארכיון אסופות



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ז/גליון 055 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

צווייטענס קען מען נישט איינפיהרען ביי אונז אין בית יעקב עברית בעברית פון ריין פעדאַגאָגישען שטאַנדפּונקט. פּויליש און יודיש מוזען דאָך זיין באַלד אין תחלת אַלס אונטעריכטס-שפּראַכען. זאָל מען נאָך צוגעבען העברעאיש, וועט מען דאָך מיט אַ זעקס יעהריג קינד דערפען איינגאָרען דריי אונטעריכטס שפּראַכען. אין ערשטען יאָהר איז דאָך דאָס ממש אַ פעדאַגאָגישער נאָנסענס.

מ'מוז דעריבער געפינען אַ סינטעז צווישען אונזערע אייגענאַרטיגע און אַלגעמיין אָנגענומענע פעדאַגאָגישע הנחות. מ'מוז דערווייל אָנהויבען לערנען מיט'ן „אות" אָבער גלייך דערמיט געבען אַ פערשטענדליך וואָרט. גיוועהנליך דאַרף מען זיך בעמיהען צו געבען גיכער די ווערטער, (וואָס מעהר קאָנקרעטע און בעקאַנטע פאַר'ן קינד), וואָס קומען פאַר אינ'ם „סידור" אָדער חומש, כדי צו דערהאַלטען אַזוי אַנאָך די בעציהונג אונזערע צו להי"ק, נישט אַריינצופיהרען עס אינ'ם טעגליכען לעבען. די ליייעןשטיקער מוזען זעלבסטפערשטענדליך ענטהאַלטען לייכטען אַמוזירענדען שטאָף, דורכפיהרענדיג אומדירעקט אַ רעליגיעזען מאָמענט, כדי נישט צו דערלאָזען אין דער מעטאָדע אַריין דעם ריין-וועלטליכען חותם ביים ראשית קריאה. אַזאַ אַרבייט קען אָבער נישט געמאַכט ווערען אויף בעשטעלונג. דערצו מוז בענוצט ווערען פיל קינסטלעריש-פעדאַגאָגישע אינטויציע און שאַפונגס קראַפט. האַלטען זיך ביי טרוקענע „מן הקל אל הכבד"-שיטות איז נאָך ווייניג. דאָס מאַטעריאַל מוז זיין צאַפּלדיג פאַר'ן קינד. און ביי אונז געבראַויכענדיג אומעטום דעם רעליגיעזען מאָמענט און אויסמיידענדיג דאָס קעצעלע מיט'ן הינטעלע, איז עס נאָך פיל שווערער.

נאָך נישט מיט דער דאָזיגער קורצער אַנוויזונג ווערט דאָס פּראָבלעם געלעזט. יעדענפאַלס וועט אָבער געמאַכט ווערען אַ פּרוב געזונטער צו מאַכען דעם לימוד פון ראשית קריאה. ביי אונזערע ספּעציפישע בעדינגונגען קענען נישט איינגעפיהרט ווערען קיין מעטאָדען, וואָס ווערען סתּם איבערגעניטשעוועט פון דער פרעמד. מ'מוז זיך פערטיפען אין די פּרינציפּען פון אונזערע אַלטע מעטאָדען, כדי צו קענען זיי איבערטראַגען אַהין שאַדען אין נייע, פּאַסיגערע פאָרמען. יעדענפאַלס וועט אַ זאַכליכע דיסקוסיע, מצד די מומחים אויף דעם געביט, לייכטער מאַכען די אַרבייט, פאַר די וועלכע פיהלען זיך דערצו בערופען.

**י. ל. אָרלעאַן.**

## „דאָס הויפּט-געבעט".

ה' א. ז. פרידמאַן האָט לעצטענס אָנגעהויבען אַ קאָלאָסאַל וויכטיגע אַרבייט פאַר דעם רעליגיעזען אונטעריכט אין די בית יעקב שולען. ער האָט אָנגעהויבען איבערזעצען די נויטיגסטע תפלות אויף יודיש און געגעבען טרעפליכע ערקלערונגען צו יעדען וואָרט כמעט. ווער עס שטעהט נאָהענט פון דער בית יעקב שול וויים, וואָס פאַר אַן אויסגעהויבענע שוועריגקייט ס'איז, די קינדער און אַ"כ"ז די לעהרערשאַפט זאָל געדענקען, נישט בעהערשענדיג גרינדליך לשון הקודש, די תפלות מיט אַלע ערקלערונגען. דאָס פעהיגסטע קינד מוז סוף כל סוף האָבען אַ האַנד ספר'ל צו קענען געדענקען אַלץ וואָס ס'האָט אויסגעלערנט זיך אין שול אָדער סעמינאַר.

די אַרבייט פון ה' פ. אויף „יוצר אור" און „שמונה עשרה" וועט דעם דאָזיגען לימוד מאַכען פאַר צוועקמעסיגער און דוירערהאַפטיגער. זאָל נאָר אַ שילערין איבערבליקען די דאָזיגע העפטליך פון צייט צו צייט און דער דאָזיגער לימוד וועט ביי איהר ווערען אַן אייגענטום אויף שטענדיג. ס'איז דעריבער געוואונשען אַז די סעמינאַר-לייטונג און יעדע לעהרערין זאָל רעקאָמענדירען איהרע שילעריגס, וואָס האָבען דורכגעמאַכט דעם לימוד פון תפלה, די אויבענדערמאָנטע העפטליך, כדי דער דאָזיגער לימוד זאָל אין אַ קורצער צייט נאָכ'ן פערלאָזען די שול פון די שילערינס נישט פערגעסען ווערען.

אויף וויפיל מ'קען אפשר פאָרוואַרפען דעם ה' פ. אויף דער איבערזעצונג שפּראַך און סטיל, מוז מען אָבער בעוואונדערן די זעלטענע צוגעגליכקייט פון זאַכליכע און לאָגישע ערקלערונגען צו יעדען וואָרט. כדאי אויך אויפמערקזאַם צו מאַכען, אַז די שטעלען אין מבוא וועגען דער אורשפּרינגליכקייט פון די תפלות ביי די מלאכים, האָבען נישט בעדאַרפט אַריינקומען. דאָס איז נישט קיין* מאַטעריאַל פאַר קיין מבוא.

**אי"ל.**

## די פּטירה פונם בעל שם טוב זצ"ל

(סוף פון זייט 7)

צוויי זייגערס. אַ גרעסערער און אַ קלענערער, זענען געווען ביי איהם אין חדר. האָט ער געגעבען אַ סימן. אַז בשעת דער פּטירה, וועלען זיך ביידע אָפּשטעלען. האָבען די תלמידים נישט אַראָפּגעלאָזט די אויגען פון די זייגערס.

אלבום אספות

האָט ער זיך אויפגעהויבען פון זיין בעט און אַרויסגעגאַנגען, האָט דער שמש געוואָלט איהם נאָכגעהן, האָט ער איהם געזאָגט.

— וואָס עפּעס היינט מעהר ווי אַ אַנדער מאָל! בלייב דאָ!

תּען ער איז צוריקגעקומען און געוואַשען זיינע הענט, האָט זיך דער גרעסערער זייגער אָפּגעשטעלט. האָבען די תּלמידים נישט געוואָלט, אַז ער זאָל עס בעמערקען, האָבען זיי איהם אַרומגערינגעלט, פערשטעלענדיג אַזוי אַרום דעם זייגער. אָבער ער האָט עס מרגיש געווען און צו זיי אַזוי געזאָגט:

— כ'וויים, אַז דער זייגער האָט זיך שוין אָפּגעשטעלט, אָבער איך האָב קנאַפּ וואָס מורא. איך וויים קלאָר, אַז איך וועל אַרויסגעהן פון איין טהיר און גלייך אַריינגעהן אין דער צווייטער.

האָט ער זיך אַוועקגעלעגט אויף זיין בעט, און בעפוילען אַלעמען זיך אַוועקצושטעלען נעבען איהם. אָנגעהויבען זאָגען דברי תּורה וועגען פערשידענע היכלי עליונים, און געהייסען די חבריא זאָגען „ויהי נועם". עטליכע מאָל זיך צוריק אויפגעזעצט און אַוועקגעלעגט. דערנאָך אָנגעהויבען זאָגען און זאָגען, אַהן אויפהער, אַזוי שנעל, אַז קיינער האָט נישט פערשטאַנען, וואָס ער זאָגט. זיך געהייסען צודעקען מיט אַ ליילעך, געגומען ציטערן ווי ביי שמונה-עשרה, ביז ער איז שטיל געבליבען.

האָט מען בעמערקט, ווי דאָס קליינע זייגערל האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט, האָט מען געוואָרט אַ לענגערע ווילע און דערנאָך אַרויפגעלעגט אַ פעדער אויף זיין נאָז.

האָט מען ערשט דעמאָלט געזעהן, אַז ער איז נסתּלק געוואָרען.

**ס. אלף**

דרוקעריי מ. ליבעסקינד
אלע
סאָרטען
דרוק זאַכען
ווי ביכער, זשור
נאַלען, צייטשריפטען
אין יודיש און העברעאיש
ווי אויך מיט גאַנצע נקודות,
און מיט אותיות רש"י,
ווערען ביי מיר געזעצט
געמאַכט מאַטריצען און
געדרוקט אויף
גוטע בעדינ
גונגען און
ביליג
— לאָדז, קילינסקיעגאָ 50 —



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ז/גליון 055 a הודפס מתוך הארכיון היהודי
עמוד 16 מתוך 20

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem
ŁÓDŹ, Czerwiec 1930
„BAJS JAKOW"

Cena 1 Zł.
P.K.O. 65.613

Rok VII zeszyt 9 (55.)
Adres Red. „Bajs Jakow"
Łódź, Aleksandrowska 28.
Telefon 109-77.

א הארציגען מזל-טוב און פיל
גליק ווינשען מיר די טיכטיגע
עסקנות, די חברה פון אונזער
צענטראל-ראט לעהרערין פרל.
ל. נאוואמיאסט
צו איהר פערלאבונג מיט ה׳
ברוין
צענטראלע
„בנות אגודת ישראל"
אין פוילען

---

א ברכה-פולען מזל-טוב ווינשען מיר, די גרינדערין און עהרען-פארזיצערין פון אונזער „בנות" און „בתי" לעהרערין פון אונזער ב״י-שול פרל. נאוואמיאסט, צו איהר פערלאבונג מיט ה׳ ברוין.

פרויען-קאמיטעט ביי „בית יעקב"
בנות אגודת ישראל,
בתי-פערבאנד,
בית-יעקב-שילערינס – סטערצאוו

---

א הערצליכען מזל-טוב ווינש איך פרל. מארשאק צו איהר חתונה מיט ה׳ מארשאק (אזארקאוו) – זאל דער אלמעכטיגער אייער צוקונפט מיט שטענדיגער צופרידענהייט און הייליגע ברכות בענשען.

לאסק ד. פרידמאן.

---

די גרעסטע און עלטסטע ארטאדאקסישע וואכענבלאט אין פוילן

„דאס ווארט"

ערשיינט אין ווילנא ביי דער מיטארבייט און בעטייליגונג פון די בעסטע ארטאדאקסישע ליטעראַרישע כחות פון פוילן און אויסלאנד.

אבאנאמענטס-פרייז: אין פוילען – 1,50 זל. א חודש, אין אויסלאנד – 2 זל.

אדרעס: אדמיניסטראציע „דאס ווארט" ווילנא, וויעלקא 47.

טעלעפאן 570. – פאסט-טשעק-קאנטא פ. ק. א. 80.579.

---

פון טיפען הארצען ווינש איך מזל-טוב מיין ליבע חבר׳טע בריינדיל פראהמאן צו איהר פערלאבונג מיט ה׳ ל. גאטהיינער (לוטאטאוו) גליק און צופרידענהייט זאלען אייך תמיד בעגלייטען.

קויל א. מארעק

---

פון טיפען הארצען גיב איך אפ מז״ט מיין חשובע חברה בתי׳ נאשעלסקא (פולטוסק) צו איהר פערלאבונג מיט ה׳ הערשקאוויטש (ווארשא). זאל דיין עתיד זיין פול מיט גליק און צופרידענהייט.

מאקאוו מלכה קוטנער.

---

א הערצליכען מזל-טוב ווינשען מיר צו דער תנאים פון דער לעהרערין רייזל שפירא (ווארשא) מיט אברהם רובין (דאמבראווא-) און אויך די שילערין פון אונזער סעמינאר שרה סקאצילאס צו איהר תנאים – איהר זאלט זוכה זיין אמת׳ע בית יעקב׳ס צו בויען!

קראקא שרה שענירער און לאצע וואטשאוש

---

פון טיפען הארצען ווינש איך מזל-טוב מיין איינציגען ברודער יחזקאל ראטענבערג צו זיין פערלאבונג מיט פרל. סראם (טארגאוו). זאל אייער עתיד זיין געבענשט מיט גליק, רייכטום און אייביגע צופרידענהייט, אויך ווינש איך מזל-טוב צו דער פערלאבונג פון פרל. ראזענבלום.

יאראסלאוו פייגע ראטענבערג

---

א ברכה׳פולען מזל-טוב און אייביגע צופרידענהייט ווינשען מיר אונזער גייסטיגער ערציהערין און ליבע לעהרערין רייזל שאפירא (ווארשא) צו איהר פערלאבונג מיט ה׳ אברהם רובין (דאמבראווא). אייער עתיד זאל זיין בעשטראהלט מיט ליכט פון ישראל.

פיאסעטשנא: בנות אגודת ישראל

---

לידידי היקר
מר לייב פראם נ״י *
ברכת מזל טוב חמה ונלבבה לנשואיו
א. ג. פרידנזון

---

מיר ווינשען פון טיפען הארצען מזל טוב די ג׳ לעהרערין פרל. רייזל שפירא צו איהר פערלאבונג מיט ה׳ רובין (דאמבראווא) – אייער צוקונפט זאל זיין א בליהענדע אין גייסט פון אונזער אידעאל.

בית-יעקב-זשורנאל

---


# ספר מועדים

ללמד לתלמידים את מועדי ישראל

בו מובאים החגים והזמנים והשבתות המצינות והצומות, מנהגיהם וטעמיהם מבואר בעזרת גדולי מפרשי התורה והפוסקים בטוב טעמם ונלוה אליהם כל דברי אגדה מש״ס ומדרש, קביעות החדשים, מולד, וסוד העבור ודומיהם.

מאת אברהם קפלינסקי

— מהירו 1 זל. 50 גר. —

חכתבת: א. קאפלינסקי לאדז פראנצישקאנסקא 4.


---

# אכטונג!

די וואס שיקען צו קארעספאנדעציעס, מוזען אונבעדינגט שרייבען גאנץ קורץ. עס איז אונמעגליך צו דרוקען אין א זשורנאל, לאנגע בעריכטען. די וואס וועלען זיך דערצו נישט צופאסען, קאנען זייערע בעריכטען לחלוטין נישט געדרוקט ווערען! פון די שטעט, וואו דער זשורנאל האט נישט קיין אבאנענטען ווערען אהן אויסנאם נישט געדרוקט קיין בעריכטען.

---


בייגע, שענע און גוטע וועש-אויסארבייטונג:

## מענער דאמען קינדער - וועש איבערציגען

קונסט-מאשין און האנד-שטיקעריי
פארהאנגען, קאפען, סטארען, עטאמין און פילע.
קאנקורענץ-פרייזען צוגענגליכע בעדינגונגען

## M. REDLICH, ŁÓDŹ

4 NOWOMIEJSKA 4
w podwórzu, lewa oficyna, II wejście, II piętro m. 43
בעמערקונג: עמפפעהלע גאנצע אויסשטייערס.


Red. Lezer Gerszon Frydenzon | גערזעצט: מ. ליבעסקינד, לאדז קילינסקא 50 | Tłocznia J. Djament, Łódź, Kilińskiego 50. Tel. 188-76